מעגען כדי מען זאל קענען דעם ארימען פאלק אבהעלפען, חבר גאטפריד זעהענדיג, אז דער אנטראג וועט ניט דורכגעהן שטעלט א פערמיטלונגס־אנטראג, אז די ערשטע אבגאבע זאל זיין א קלענערע דערפאר זאל מען שטעלען א חודש בייטראג, וועלכער זאל ערמעגליכען דעם פלאן. דער אנטראג פון חבר גאטפריד איז אנגענומען געווארען ס׳איז זאגאר א קאסירער געוועהלט געווארען, וועלכע האט צו בעשטימען די הויך פון די שטייערן.

---

טשארטקוב: אונזער שטעטיל האט צום ערש־טען מאל דעם ווינטער זוכה געווען צו א טעאטער־פארשטעלונג. דער ערפאלג איז געווען איבער יעדע ערווארטונג. דער „יודיש ליטעראַרישער צירקעל“ פער־דינט א אמתין יישר כח. געשפילט איז געווארען „שלום בית“ א לעבענסבילד אין 4. אקטען פון משה ריכטער אלע ראלען זענען געווען גלענצענד בעזעצט אין די קריטיק קען נור זיין זעהר גינסטיג. מיט גרויס טאלענט כמעט קינסטלעריש האבען געשפיעלט; מע־סיטע אלס ר׳ ניסעלע, טענענבוים אלס אהרעלע, זעהר גוט זענען געווען פרל. טענענבוים אלס איידעלע, פרל. פרידמאן אלס מינדעלע, פרל. פפעפער אלס ברײנדע־לע, פרוי דלינאטש אלס פעסי. פרל. ז.אכמאן אלס דבורה האבען זייערע ראלען גוט פאדשטאנען און אין דיזעלבען זיך גוט אייגעלעבט. לאנג. אלס יעקב משולם האט דאס פובליקום גלענצענד אמוזירט און זעהר נאטירליך געשפיעלט. יוסף לאנג אלס ארטשי האט מיט זיין מימיק אין געסטיקולאציע א אלגעמיי־נע בעוואונדערונג הערפארגערופען. די ליעדער יעדאך האט ער אפנים נישט גוט איינגעאיבט. פישל וועך־בער אלס יוסעלע זעעלענפריינד וואלט גאנץ גוט געווען, נאר אין 3־טען אקט האט ער זיך אביסעל פערגעסען און זיך צו זעהר אויפגערעגט. גאנץ גוט זענען געווען האכמאן אלס יעקעלע אפענבאך און פרל. קלינגער אלס דינסט. גרויסען אפלויס האבען געהאט די קינדער באהרער; וועלכע האבען זעהר גוט בעזונגען און זעהר הערציג געזען. בעזונדערע פערדינסטע ארום דער אויפפיהרונג האבען דלינאטש אלס מוזיק דירינענט און וויסבראד אלס דעקאראטער. אלעם איז פונקטליך און גענוי פאר זיך געגאנגען און מ׳קען נור ווינשען אז דער „יודיש ליטעראַרישער צירקעל“ זאל נישט בלייבען שטעהן אין מיטען וועג און זיין אנגע־הויבענע ארבייט ענערגיש ווייטערפיהרען. דער ריינער טראג כעהט פארן שולפאנד.

פלוני אלמוני.

---

## גראטולאציעס און אנציינגען.

---

הערש זיבענבערג חנה וואלף

פערלאבטע

טלוסטע אים פעבער 1919.

---

מאני גאטפריד טובה לאנג

פערלאבטע

טלוסטע אים פעבער 1919.

---

חיים סידערער ניטעל שטעקעל

פערלאבטע

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

זיסיע עלינג לייציע שניטליך

פערלאבטע

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

דער פעריין „יודית“ אין פראבוזנא גראטולירט זיין מיטגליד גינא רינגעל צו איהר פערלאבונג מיט הערן יעקב אלטשולער.

פראבוזנא אים מערץ 1919.

---

דער פעריין פועלי ציון אין מילניצע גראטולירט הארציג דעם חבר משה וויסמאן צו דער חתנה פון זיין טאכטער בערטא און שפענדעט פאר תלמיד תורה 230 קר.

מילניצע אים מערץ 1919.

---

לייזער פייערשטיין און מעכעל פייערבערג שיקען א מזל טוב זייער חבר משה זאמער צו זיין פערלאבונג מיט פרל. ארעלא ראטענשטרייך פון טשארטקוב.

פראבוזנא אים מערץ 1919.

---

צו דער פערלאבונג פון מיין חבר זיסיע עלינג מיט פרל. לייציע שניטליך שיקט א הארציגען מזל טוב ישראל מרדכי מריינער.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

לייזער שניטליך גראטולירט די שוועסטער לייציע צו איהר פערלא־בונג מיט הערן זיסיע עלינג.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

מרוך עלינג גראטולירט זיין ברודער זיסיע עלינג צו זיין פערלאבונג מיט פרל. לייציע שניטליך.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

דער פעריין „יודיתה“ אין פראבוזנא גראטולירט זיין מיטגליד פרל. עטעל שאר צו איהר פערלאבונג מיט הערן ישראל פליישער אויב אולאשקאווצע.

פראבוזנא אים מערץ 1919.

---

די משפחה אויערבאך אויס הוסיאטין שיקט א הארציגען מזל טוב די פערלאבטע חיים סידערער מיט געניע שטעקעל.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

יעקב ווינטער און זיין כלה שיקען א הארציגען מזל טוב זייער פריינד זיסיע עלינג צו זיין פערלאבונג מיט פרל. לייציע שניטליך.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

האגודה בנות ציון מטשארטקוב מברכת את חברות היקרות לרגלי ארוסתן

עדיל ראטענשטרייך עם משה זאמער צירל שווארץ עם דוד גאלדשטיין רוזיע קלאר עם אברהם ליביאל גיטל שטעקעל עם חיים סידערער

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

וויר גראטולירען אונזער שוועסטער קריינצי צו איהר פערלאבונג מיט הערן שמואל אייזענבערג געשוויסטער עדעלשטיין.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

פעריין פועלי ציון אין טליסטע שיקט א הארציגען מזל טוב דעם ח. הערש זיבענבערג צו זיין פערלאבונג מיט ח. חנה וואלף.

טלוסטע אים מערץ 1919.

---

שבת דעם 29 מערץ זייגער 2 באטאג איז א פאר־טראג פון חבר יוסף נעטער טעמא „דער איצטיגער מאמענט און מיר“.

נומער 1. טשארטקוב, דעם 14 פעבער 1919 1. יאהרגאנג

דער אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: "פועלי ציון" טשארטקוב.

פרייז 60 ה. גראטול. און פערל. אנצייגען 10 ק.

# די קראפט

(Die Kraft) ערשיינט יעדען פרייטיג (Ді Крафт)

## אונזערע צילען

די אלטע וועלט נעהט צו גרונד. בעשטעהענדע בעגריפען ווערטען ווי מאנארכיע, פרייע קאנקורענץ, פריוואט אייגענטום דערציטערן אין זייערע יסודות. דאס העמפפענדע פראלעטאריאט איז נאהענט צו זיין פולשטענדיגען נצחון.

דאס פייער פון דער רעוואלוציע האט ארומגענומען גרויסרוסלאנד, האט זיך איבערגעווארפען קיין פוילען און אוקראינא, האט דערשטיקט דאס אלטע עסטרייך און ברענט היינט מיט א שטארקען פלאם אין דייטשלאנד און ווי גרויס מ'זאלען נישט זיין די אונטערשידען אין דער רעוואלוציאנערער טאקטיק צווישען די פראלעטאריאטען פון די דער מאנטע מדינות, אוטעדום הערט זיך דערזעלבער רוף נאך עהאנאמישער גלייכהייט, רעכט צו ארבייט. דאס זענען די לאזונגען פון דער נייער פראלעטארישער קולטור.

ס'איז א גאטורהיסטאריסטישער כלל, וועלכער נע־רינט אויך זיין אנוועגדונג אויפן געביט פון סאציאלאגיע, אז העכער ענטוויקעלטע פארמען פונ'ם געזעלשאפטלעכען לעבען זענען נובר די נידריגער ענטוויקעלטע פארמען און די מוזען דעם פלאץ רייטען. די ערגיצעסטונגען פון פראנקרייך, איטאליען, ענגלאנד און אמעריקא וועלען נישט קענען אויפהאלטען דעם מארש פון דער פראלעטארישער אידעאלאגיע; די פינגער פון דער גרויסער שריפה און וועל־כער סיזוטרים פארברענט דאס אלטע אייראפא פליהען אריבער אויך אהין, א נייע וועלטפארדנונג ווערט געשאפען, אויפגעבויט אויף סאציאליסטישע יסודות און אלס מיטעל דער וועלטשלום.

א גרויס שטיק ארבייט איז נאך צו לייסטען פראנגלען זיך די ארבייטער פון אלע פעלקער — די טרעגער פון דער רעוואלוציע — מיט דער מונפלער מאכט פונ'ם היינטיגען קאפיטאליזם און אין דעם קאמפף בריינגט אריין ארדנונג און פלאנמעסיגקייט די אינטערנאציאנאלע סאציאל־דעמאקראטיע. מיליאנען פראלעטאריער קוקען צו איהר, האפען אויף איהר און פון מיליאנען הערצער קומט ארויס דער רוף: זאל לעבען די פעלקערבעפרייענדע אינטערנאציאנאלע רעוואלוציאנערע סאציאל־דעמאקראטיע. קיטענדיגע דורות וועלען בענטשען דעם קריג, וועלכער האט אזוי פיל עקזיסטענצען צערשטערט. די ווילדע חיה האט אין איהר וואוט זיך אליין אויפגעפרעסען. די וועלט צערשטערענדע מלחמה האט אבער נאר די אלטע וועלט צו גרונד געריכטעט און מיט איהר דעם קאפיטאליזם, ווייל ער איז געווען שולד אלס, פויל און אבגעלעבט. דער קריג איז א אנדויב פון אנ'ייער עפאכע פון דער מענשהייט.

אין דעם גרויסען קאמפף פאר גלייכע ווירטשאפט־ליכען רעכט און פאליטישער פרייהייט נעהמט די יודישע ארבייטערקלאס האנד אין האנד מיט די פראלעטאריאטען פון אלע פעלקער. אינ'ם נייסט פון רעוואלוציע ערציהונגען האלט דער יודישער פראלעטאריער פאר זיין חוב, צו זיין דער אוואנגארד פון יעדען פארטשריטליכען געדאנק. אין דעם זיעג פון דעם סאציאליסטישען אידעאל איז ער בלוטיג פער־אינטערעסירט האט ער דאך, שטייענדיג אויף די באריקאדען נאר נישט צו פערליערען, סידען זיינע קייטען.

און נאציאנאלער הינזיכט אזוי גוט ווי אין סאציאלער הינזיכט האט דאס יודישע פראלעטאריאט אלס קאמפפס־פארטיי אויפגעשטעלט די פארדערונג נאך א נאציאנאל פאליטישער אויטאנאמיע, פערלאנגענדיג די אנערקענונג פון זיין יודישער שפראך אלס גלייכבערעכטיגטע לאנדעסשפראך.

אין ווירטשאפטליכער בעציהונג איז דאס יודישע פראלע־טאריאט געצוואונגען אין עקאנאמישען מצב איבער צו בויען. זייענדיג בעשעפטיגט אין אבגעשטאנענע ריקשטענדיגע פראדוקציאנספארמען איז דער יודישער ארבייטערקלאס שוין וואלטען מיט דער פראדוקציאנס־ענטוויקלונג פון די פעלקער אין ווירטשאפט מיט'ן חיים. אלס רייטען פון דער יודישער נאציאנאל־פאליטישער אויטאנאמיע, ד. ה. מיט אייגענע כוחות פונ'ם יודישען פאלק פון דורכגעפירט ווערען א אינ־טענזיווירונג פון דער יודישער פראדוקציע. דער קלאס פונ'ם יודישען פאלק וועלכער איז דער טרעגער פונ'ם מירערנסטען־פונ'ם סאציאליסטישען געדאנק יעטז פארדערן, איז דער

איבערגאנג פונ'ם יודישען פאלק צו פראדוקטיווער אר־בייט זאל דורכגעפיהרט ווערען אויף סאציאליסטישע יסודות.

מיר זענען זיך אבער בעוואוסט, אז דער איבער־גאנג ווערט פאר אסך נישט זיין לייכט, אז די אלטע קרענק פונ'ם יודישען גלות, די עמיגראציע וועט בלי־בען און אסך יודישע עקזיסטענצען ארויסרייסען פון זייערע ביזאיצטיגע בעשעפטיגונגסערטער. די עמיגראציע מוז רעגולירט און דארט אהין געלענקט ווערען וואו ס'בויט זיך היינט דער נאציאנאלער און ווירטשאפט־ליכער עתיד פונ'ם יודישען פאלק, כיין ארץ ישראל.

פאר די לאזונגען קעמפט שוין דאס יודישע פּראָ־לעטאריאט יאהרענלאנג, פון הערצער פון צעהנדלינגער טויזענדער ארגאניזירטע פראלעטאריער, הילכט דער רוף: זאל לעבען די יודישע–סאציאל–דעמא־קראטישע ארבייטערפארטיי פועלי ציון, אלס די פארטיי וועלכע האט אויף איהר רויטער פאהן די אויבען דערמאנטע לאזונגען ארויסגעשריבען.

די לאזונגען ווילען אויך מיר דינען. מיר ווילען קלאר און אהן מורא אונזער מיינונג ארויסזאגען. ס'איז א כלל פון יעדער ראדיקאלער טאקטיק, די פארדע־רונגען קאנקרעט און דעמאנסטראטיוו ארויסציזאגען, קאנקרעט כדי זי זאל זיין פע שטענדליך דער ברייטער מאסע, וועלכע פערלירט זיך אין אלגעמיינהייטען, דע־מאנסטראטיוו כדי די ברייטע מאסע זאל קענען די געשטעלטע פאדערונג זאפארט ארויסגעפינען און פערשטעהן. קלאר און בולט וועלען מיר זאגען דאס וואס פ'לינט אונז אויפ'ן הארץ און די ברייטע יודישע פראלעטאריערמאסע וועט זיך שארען ארום אונזער פאהן, ארום אונזערע לאזונגען.

---

י. משרטקובסקי.

# העברעאישע אדער יודישע שולעז — און אונזער נאציאנאלע אויטאנאמיע.

דער קאמף ארום דער פראגע העברעאיש און יודיש איז אריינגעקומען אין אצווייט שטאדיום.

פריהער, אז די יודישע אויטאנאמיע איז געווען אפראגע פונ'ם ווייטען עתיד, אז דאס איינריכטען פון אלערליי שולען, גימנאזיען און אוניווערזיטעטען מיט איינענער אונטעריכטס– און פארטראנסשפראכע, דאס אנערקענען פון אונזער איינענער שפראכע אויף דער פאסט, אין געריכט און אין אלע אנדערע שטאאט־עמטער זענען געווען צילען אויף אשווינדעלנדיגער הויך –דעמילט איז דער קאמף איבער העברעאיש און יודיש געווען מייסטענטיילס אטעארעטישער, אפרינציפיעלער. און זיין ענטשיידונג, וועלכע וואלט סיי־ווי־סיי נישט גע־ווען געהאט קיין ממשותדיגע פאלגען, איז די ברייטע פאלקסמאסע בכלל נישט געווען פעראינטערעסירט.

דער בעשלוס פון דער בעוויסטער טשערנאוויצער קאנפערענץ, אז די שפראכע פונ'ם יודישען פאלק איז יודיש, איז אפילו געווען אשיינע דעמאנסטראציע, א אינטערע־סאנטע קולטורהיסטארישע עפיזאדע, פראקטישע רעזול־טאטען אבער האט ער נישט געקענט האבען, פינקט אזוי ווי עס האבען זיי נישט געהאט די אומצעליגע אהענענגעזעצטע בעשלוסע פון אנדערע חברות און אסיפות, נישט האבענדיג קיין פעסטען באדען אונטער די פיס. אויף וועלכען און צוליב וועלכען דער קאמף זאל ווערען אויסגעפאכטען, האט עס אפילו נישט געקענט פיהרען צון א אמתן צוזאמענשטוס, אזוי אז די שטים פונ'ם לעבען און פין די ברייטע מאסען זאל געפינען

---

# דער יודיש דראמאטישער קלוב אין משארטקיב.

איינע פון די נאציאנאלע קולטורשאפונגען פון אונזער שטאט משארטקוב איז בלי ספק דער יוד. דראמ. קלוב, וואס האט זיך גענומען די־ אויפגאבע צו פלעגען און ענטוויקלען די יודישע קונסט. איך וויל מיך אבער אציגד נישט אבשטעלען און אורטיילען איבער זיין קינסטלערישען און ערציערישען ווערט, איבער זיין אינהאלט און פראגראם, און איבער זיין ענטוויקלען זיך, ווייל צו יונג איז דער קלוב. ערשט צוויי חדשים אז ער לעבט, מיר מיזען נאך אביסעלווארטען מיט קריטיקירען די ביי געשאפענע אינסטיטוציע. איך וויל מיך אבער אבשטעלען אויף דעם שטיק "ידי משפחה" פון ת. ד. נוסבערג, אפיעסע אין פיער אקטען, אויפגעפיהרט מאנטאג דעם היינטען פעברואר. און געשפילט פון די טאלאנטפולסטע חברים און חבריטעס פונ'ם קלוב. באריהמט אין איהר ראלע האט געשפילט חבריטע וויינרויב: די קראנקע דבורה. א גאר גיטען איינדרוק האט געמאכט חבר פלעשנער אלס גדלית. און חבר עלפער אלס עליאש — זיי האבען געשפילט נוי אמתיע קינסטלער, וואס פערקערפערן אין זיך די האנדלונג [illegible] די העלדען, ווי זיי שטייען און געהען, פיהלען, ליעבען און ליידען. גוט געשפּיעלט האבען אויך חבריטע אקסעלראד אלס חיה און חבריטע בייסער אלס סאניא. וויינגער איינגעלעבט אין זיין ראלע האט זיך חבר ראטענשטרייך אלס נחום. דער חבר גאלדשטיין אלס דעקאראטער האט פערשטאנען זיין אויפגאבע די דעקאראציאנען זענען אויסגעארבעטליך, גוט געווען [illegible] צוגעפאסט צו דער סצענע. אם ערגסטען איז געווען דאס פובליקום. דער "עולם גולם" וואס האט ביי דער טראגישער סצענע וואס האט זיך אבגעשפילט ביי דבורה'ן דער קראנקער אריסער בונדיסטקע אין צימער, ווען זי זעהט ווי איהר געליעבטער איז פערליעבט אין דער שענער בורזשויקע סאניא, און ליעבאייגעלט מיט איהר. דבורה קאסאנדרעוועט צו טרינקען אוי[illegible]בען זיך און אין אלעמען פערגעסען. דאס פובליקום האט ביי דער סצענע געלאכט, אנשטאט צו וויינען, וואס דאס האט פערלעצט דאס מאראלישע געפיהל, און סתאם זיך געפרעגט אשאלה צו וואלט נישט כדאי געווען צו שפּיעלען איהם זיינע אלס בעליעבטע זאכען ווי "חינקע פינקע" אדער "קוני לעמעל", ווייל די משפחה מיט אלע איהרע טעכנישע און קינסטלערישע פעהלער, איז דאך אלישעראריש ווערט פאלע ארבייט פאר דער יוד. ביהנע.

י. ה–ר.

# דער קנייפער

פעראנטווארטליכע
רעדאקטערע
אבינטעל לצים

ערשיינט איין מאל אין יאהר פורים
צו דער סעודה.

א אונפארטייאישער ארגאן — צו קנייפען און רייסען; בייסען און שטעכען אהן רחמנותדיג יעדע קאמישע זייט פון אונזער געזעלשאפטליך טרויריג און לעבערליך לעבען . . .

נעקראלאג
אויף די בני עמלק
און בני המן
אומזיסט.

## אונזערע צילען.

(לייד ארטיקעל.)

די אלטע וועלט נעהט צונרונד, אט באלד וועט נישט זיין צו בעקומען אפאר שוך פאר קיין געלד. דער ארימער פראלעטאריער דערציטערט אז ער דער־מאנט זיך, אט איז פסח ס׳קומט דער פריהלינג, און ער מיט זיין ווייב און קינדער זענען נאקעט-און בארפוס.

ס׳איז א נאטורוויסענשאפטליכער כלל, אז דער וואס האט געלד האט כל הנדילות און דער ארימער פראלעטאריער האט מכות פאר וואס צו קויפען, דער וואס האט אדירה זיצט אין איהר בהרחוה, אבער דער ארימער פראלעטאריער, אז ער האט נישט צו בעצאהלען דאס דירה געלד, ווארפט מען איהם ארויס אהן רחמנות. קלאר און בולט, דערציילען מיר עס דער ארימער ליידענדער פראלעטארישער ברייטער יודישער מאסע וואס ס׳ליגט אונז אויף דעם הארץ, כדי זיי זאלען זיך שארען ארום אונזער רויטער פאהן. און פון טויזענדער ארנאניזירטע אביונים; קבצנים, דלפנים זאל הילכען דער רוף: עס קען לעבען נאר דער וואס האט; אכארבאלע; אשטיקעל ברויט; און אקיפע ליים ווי דעם קאפ אנידער צילייגען. דאס איז די לאזונג פון אונזער סאציאליסטישען אידעאל, וואס מיר זענען בלוטיג פעראינטערסירט, האבען מיר דאך מעהר נישט צו פערלירען נאר דעם דלות....

---

## טעלעגראמען.

שושן הבירה — ושתי האלט אב אין גינת הביתן גרויסע עפענטליכע פרויען פערזאמלונגען, ווי זי פאר־דערט אין פייערדיגע רעדען דאס פאסיווע און אק־טיווע פרויען-וואהלרעכט.

---

פאריז — (דראטלאזער־טעלעגראם) די פריעדענס־קאנפערענץ איז זיך מכין — צום שלום; כוועטשט — דערווייל די בעזינטע און ס׳איז צו האפען אז דער שלום וועט באלד — ארויס . . .

---

הרי אררט — (פונקען־דעפעשע) דער היבה דראטה פון שרעקליכע שטורם־כוואלעם פאלשטענדיג צערשמע־טערט צו ווערען איך מיט מיינע קינדער זענען אין דער גרעסטער געפאהר. באלדיגע הילף איז נויטיג... נח.

---

## אטעלעגראם פון יענער וועלט.

(פון מענדעלע מו״ס)

צו דער חברה: „צער־בעלי־חיים", — אויף עולם האמת איז אשטארק גערידער וואס די חאפטע נאסען יונגען, מיט אגאנצע באנדע כלבים, האבען זיך ווייטער גענומען צו מיין ארימער מאגערער קלאטשע געכיך וויינט איז איהר סערפער בעדעקט מיט וואונדען און קויט, קוים וואס זי זיפעט וויל מען זי צום איבריגען דערמיטשען, ראטעוועט זי! אום גאטעס ווילען, אז נישט וואס האט איהר אייך אנאמען געגעבען „חברה צער־בעלי־חיים"?
דער זיידע.

# מיר שיקען שלוח — מנות.

דעם פעריין „פועלי ציון" — א ארבייטערראט. — דעם ארבייטערראט
— דאס פועלי ציוניסטישע פראגראם. — דעם „בני ציון" — אנעקראלאג. —
דעם „צעירי ציון" — האנדטיכלעך. — די „בנות ציון" — אשדכן. — דעם
רעדאקטער פון דער קראפט — רייזענס מוטערשפראך. — דער „קראפט" —
אביסעל חדשות, און אריכות ימים. — דעם פרויען פעריין „השחר" — א
צאנה וראנה, מיט אקרבן מנחה וואס מען דארף נישט מישען. — דעם
קויפמענישען קאסינא — אחשורוש אלס פינפטען קעניג, און אלאמגן שטריק —
דעם נאציאנאלראט: דער לינקער פראקציע פאר אדעלעגאטקע אכתר המלכה,
דער רעכטער ושתי. — דעם פריזידענט פונים נאציאנאלראט — אמלכה אויף
פסח. — דעם דר. ראזענצווייג — דעם טיטעל דר. — דעם „אחדות" — אביסיל
מעהר אחדות, מיט א מקוה כשרה. — דעם קאנזום „מחית" — אדירעקטאר
אסוחר. — דעם ארבייטער קאנזום — עטליכע זעקלעך קארן ראזינע. —
דעם בוכהאלטער פונים ארבייטער קאנזום — אביסיל וויינבער עצות, און בער
סער בעהאנדלען די קונדען. — די גבירים — די פינפטע מכה פון די עשר
מכות. — די ארימע לייט — הבטחות אויף בעסערע צייטען. — כלל ישראל
— אישועה בקרוב. — נאך אויסלאנד. — ווילזאגען — א קורצזיכ־
טיגע בריל. — קלעמאנסא — א המן טאש געפילט מיט אבאלשעוויק. —
עקסקייזער ווילהעלם — א פאסידשיין מיט הוצאות אהיים צי פאהרען. —
עקסקייזער קארל — אוויגעל. — דעם פוילישען פאלק — אביסעל אהבת מרדכי.

## בריעף קאסטען.

צו בן דלפון. אייער ארבייט איז גוט, נאר דער נאמען „דער
אויפגעדעגטער ויזתא" געפעלט אונז נישט.

ס׳יוועדט נישט געדריקט דער „המן־טאש" פונים „השחר".

**דאס ליעד**

האט הבחוריל ליעב אמיידעלע
לאזט זיך אוים נאך איהר
פלוצים ווערט איהר ענג דאס קליידעלע
וויינט זי . . . אך איז מיר . . .

**איז אפשוטע נגבה פון הייגען.**

## פּאַרטיי נאַכריכטען.

דער פרויען פעריין השחר בערייט פאר צו די קומענדיגע וואהלען צעהן טאג רייד.

צעירי ציון און בנות ציון נעהען גרינדען אבטיילונג פון דיגען פעריין „ילדי ציון".

דער אחדות ישראל שיקט קיין ארץ ישראל א פאר אינזשינערע צו גראבען מקואות.

דער קריסטענישע קאסינא האט בעשלאסען פיאטניקען איינצושרייבען אין גאלדענעם בוך.

דער יד חרוצים האט בעשלאסען צו יזיכען א פדיון דעם טשארטקובער.

די צעירי ציון נעהען ארויסגעבען א העברעאיש בלאט מיטן נאמען „הכח" די ערשטע נומער וועט ערשיינען ווען אלע חברים וועלען דורכלערנען דעם הצעד הראשון.

דער אחדות ישראל מיט פועלי ציון האבען זיך פאראייניגט אז די פרויען זאלען שטימען. . . .

אויף דער אויסערגעוועהנליכער זיצונג פון פעריין „עניים ואביונים" איז איינשטימיג אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציעס בנוגע צום קומענדיגען יו"ט פורים:

1) מיר פראטעסטירען פאר וואס ס'איז נאר איין מאל אין יאהר פורים.

2) קיינער פון אונז טאר נישט נעמען קיין צוריסענע גראנען.

3) ווי סוועט זיין פערמאכט די פראנטטיר, אהיינצונעפינען א אינטערטיר.

4) וועלכער גבירישער חזיר ס'וועט נישט געבען איהם צו פארשעלטען די ביינער און בית המדרש אונטער דער הרובע.

## נייעס פון אויסלאנד.

לויט א אפיציעלע ידיעה פון דער ענגלישער „טיימס" זיכט דער פרעזידענט ווילזאן אשטעלע אלס מלמד פאר'ן קומענדיגען זמן.

דער פראנצויזישער קארעספאנדענט פון דער פראנצויזישער צייטונג „המצפה" וואס ערשיינט אין בערלין מעלדט מיט אז דער פרעזידענט אין ענגלאנד האט אבגעזאגט דעם גענעראליסימוס זאבאטינסקי פון זיין שטעלע פאר זיין באלשעוויסטישער פראפאגאנדע.

- א ענגלישע עקספעדיציע האט געפינען אין שושן הבירה המנם תליה דארף איהר גרויסקייט קען זי נישט אריין אין מוזעאום. דערפאר האט דאס פארלאמענט בעשלאסען זי צו שיקען קיין פוילען, דארט געפינען זיך פון המנס אייניקלעך, וועט מען זי דארט קענען בענוצען.

## שבאט ידיעות.

אויף דער לעצטער זיצונג פונם נאציאנאלראט איז בעשלאסען געווארען אז פאר ארימע יידען איז עסען נישט קיין דיבה און מען קען זיי אז דעם פארגעניגען אויך באנעמען . . .

די נאכריכט אז דר. נקלמאן פאהרט אין לירצען אב פון שטארטיג האט ארויסגערופען אגרויסע פרייד ביים „אחדות ישראל" און זיי האבען בעשלאסען מיט דער פרויען פעריין השחר צו מאכען א טאנץ אבענד.

די היגע שדכנים בעהויפטען אז די מלחמה האט זיך געענדיגט נאך עם נישט פסח.

## מיר שיקען שלוח — מנות.

דעם פרויען „פועלי ציון" א ארבייטערראט. דעם ארבייטערראט דאס פועלי ציוניסטישע פראגראם. דעם „בני ציון" אנעקראלאג. דעם „צעירי ציון" האנדטיכלעך. די „בנות ציון" אשדכן. דעם [illegible] פון דעם [illegible] סימעריספראט. דער „קראפפ" [illegible] און ארוכות ימים. דעם פרויען פעריין „השחר" א [illegible] מיט אקרבי [illegible] וואס מען דארף נישט [illegible] דעם קיסטעניש קאסינא [illegible] אלס פונפטען קעניג, און אלאמען שמדיק — דעם נאציאנאלראט [illegible] פראדצינע פאר ארעליגאסקע [illegible] דער [illegible]. דעם [illegible] פונם נאציאנאלראט [illegible] פסח. דעם [illegible] דעם [illegible] דעם „אחדות [illegible]" [illegible] מיט א [illegible]. דעם [illegible] אדירעקטאר אסוחה. דעם ארבייטער [illegible] [illegible] קארי [illegible]. דעם [illegible] פונם ארבייטער [illegible] [illegible] [illegible] די פינפטע סכה פון די עשר סכות. — [illegible] [illegible] בעקערע [illegible] [illegible] ישראל [illegible] [illegible] א [illegible] [illegible] א [illegible] געפילט מיט אבארשעוויק. — [illegible] א פאטידשי מיט הוצאות אהיים צו פאהרען. . . [illegible] [illegible] דעם פוילישען פאלק [illegible] ארבת מרדכי.

### בריעף קאסטען.

צו [illegible] אייער ארבייט איז [illegible] נאר דער מאסען [illegible] [illegible] געפעלט אונז נישט.

[illegible] נישט געדרוקט דער [illegible] פונם השחר.

דאס ליעד

דאס [illegible] אסיידעלע
לאז [illegible] נאך איהר
[illegible] [illegible] איהר [illegible] דאס קליידעלע
וויינט זי . . . אך איז מיר . . .

איז אפשיטע גנבה פון היינען.

## אנאנסען.

מיר מאכען בעקאנט
בכל תפוצות ישראל, אונזער גרויסען אויסוואהל אלטווארג, אלטע יארמעקעס אלטע אנשטיינען, אויסגעקראכענע שטריימלעך צו די ביליגסטע פרייזען.
דער אלטער מאנדיים „אחדות ישראל"

אכטונג !! קארטען אויף קרעפלעך בעקומט מען אין די קאנזומען „מהדה" & „קאמפ" אכטונג !!

שפראכע איז יודיש! צי וואס פיהרט אבער דאס אלעם?

יא בעשליסען איז א זעהר לייכטע זאך, וועט זי אבער אויך פון דעם בעשלוס ציהען די נייטיגע קאנ־סעקוועגצען? וועט דער אסטגאליצישער נאציאנאלראט אדער אפילו די צוקינפטיגע נאציאנאלקאמער, אין דעם פאל, ווען זי וואלט זיך נעשטעלט אויף דעמזעלבען שטאנדפונקט, פאדערען פון דער אוקראאינישער רעגירונג, אז זי זאל אין אלע שטאאטסעמטער איינשטעלען יודישע אמטירענדע בעאמטען, אין דער צייט ווען די שול איז א העברעאישע?

וואלט אויך די אוקראאינישע רעגירונג דארויף איינגעגאנגען? איז אבער פון איין זייט א העברעאישע לאנדעסשפראכע און בעאמטענשאפט נישט מעגליך ווייל זי וואלט אונז פונקט אזוי פיל גענוצט ווי א פראנצעזישע אדער א טערקישע, פון דער אנדערער זייט א יודישע אונמעגליך, אזוי לאנג די שול איז העברעאיש — וואסזשע ווערט דעמילט פון אונזער נא־ציאנאל־קולטורעלער אויטאנאמיע?

פאר אונז איז דער שטאנדפונקט קלאר ווי דער טאג: מיר פערלאנגען אנאנצע אויטאנאמיע, וועלכע זאל ארומנעמען אלע געביטען פונ'ם יודישען לעבען אהן האלבקייטען און צוריסענהייט, מיר שטרעבען צ'ין אניכען אויפבליהען פון אונזער פאלקסבילדונג און פון אונזער נאציאנאל קולטורעלען לעבען און דאס קען נאר דאנרייכט ווערען דעמילט, ווען די שפראכע פון אלע אונזערע שולען, פון אלע אונזערע אינסטיטוציעס וועט פונקט אזוי ווי די יודישע לאנדעסשפראכע זיין די פאקטישע שפראכע פונ'ם יודישען פאלק!

— מיר זענען נישט קיין געגנער פון דער העברע־אישער שפראכע. אין אונזער יודישער שול זאל דאס העברעאישע איינגעמען דעם געערינגען פלאץ וואס

---

זענען אפילו געשטאנען זיינע איבערגעבענע אנהענגער, זיינע געטרייע תלמידים און בעסטע פריינד, די בעלי־מלכות פון "יד חרוצים", וואס האבען זיך מיט זייער געליבטען רבין מיטין לעצטע ביסען געטיילט — די טאטים פונ'ם הייניגען "אחדות" אבער זענען געווען שטארקער און רידיוודיגער...

און א געבראכענער פאר דער צייט איז ר' יהושע מאיר שאפירא געשטארבען.

זינט יענער צייט זענען שוין א סך יאהרען פארגאנגען, נישט אלע געדענקען נאך היינט וואס יענער גרויסער מאן האט געוואלט און פאר וואס ער האט געליטען און געשטריטען — און דאפאר איהר יודישע בעלי־מלאכות פון "יד חרוצים" אז איהר ווילט וויסען מיט וועמען איהר האט צו געהן, קען איך אייך נאר זאגען איינס: פרעגט אייער גרויסען רבין, פרעגט דעם רב יהושע מאיר שאפירא, דעם באגרינדער פון דער ערשטער יודישער ארבייטערארגאניזאציע, פונ'ם טשארטקובער "יד חרוצים".

און כאטשי טויטע קענען נישט רעדען, אזוי בין איך דאך זיכער, אז איהר וועט געפינען א ענפער.

י. ט.

ענטשפרעכט די קולטורבעשטרעבונגען פון אגרויסען טייל פון אונזער פאלק און אפשר אונזער נאציאנאלע האפנונג — מיט דער גרעסטער שארפקייט אבער טרע־טען מיר ארויס קעגען דער ארבייט פון יענע, וועלכע ווילען, אחוץ די אלע שאדענס, וואס מיר האבען פריהער אנגעוויזען, ממש אויסשניידען ביים פאלק די צונג און ברענגען דאצו, אז צווישען איהם און דער אינטעלי־גענץ זאל אויסגעבויט ווערען א אייזערנע וואנד, אדער בעסער געזאגט, אז דאס פאלק זאל צוריסען ווערען אין א מחנה פון "מיוחסים'דיגע אינטעליגענצען" און אין א מחנה פון "פראסטע עמי־הארצים".

ווער זענען אבער די טרעגער פון די דאזיגע באשטרעבונגען? מיר זאגען עס קלאר און אפען: פון איין זייט זענען עס אונזערע ביזאיצטיגע פארביסענסטע אסימילאנטען און סתם דיפלאמירטע עמי־הארצים וועלכע פאדערן העברעאיש נישט אזוי "מאהבת מרדכי נאר משנאת המן"; דאפאר וואס זיי פאראכטען די שפראכע פונ'ם פאלק און געפינען אזוי ארום דעם בעסטען אויסוועג, אי זיך צוהענגען ווייטער [illegible] אין זיינע ענינים אין נישט צו מוזען רעדען אין זיין לשון. פון דער אנדערער זייט אלע די, וועמענס קלארע אורטיילס־קראפט איבער אונזערע פאלקס — אינטערעסען און הויז-לא[illegible] איז פארנעבעלט דורך א בירגערליך ציוניס־טישען נשאד, וואס ווערט פארשפרייט דורך א אונ־ערהערט אומפעראנטווארטליכער פרעסע און וואס זיינע רעזולטאטען זענען איצט שעדליכער ווי די פון דער ענדגילטיג באנקראטירטער אסימילאציע.

י. טשרטקובסקי.

---

## צום פרויענוואהלרעכט.

ג. אלע טונקלע כחות אין אונזער שטאט האבען זיך פעריייניגט כדי דער יודישער פרוי אוועקצונעמען דאס רעכט, וועלכעס איז אין אלע פארט־שריטליכע מדינות דער פרוי שוין געגעבען געווארען. די שווארצע מאות פונ'ם אחדות ישראל, האבען אנגעהויבען דעם שטורמאנגריף, מיט זיי האבען זיך פערבינען די בירגערליכע ציוניסטען, די וואס האבען תמיד א דעמא־קראטישע פראזע אין בערייטשאפט. ביז סיקומט נישט צו בעקענען די פארב און א מאט, אין א אבשטימונג. ס'איז אבער נייטיג קלאר און בולט פעסט צושטעלען אז אויף דער נאציאנאלראטסזיצונג פונ'ם צוועלפטען ד. ה. האבען די ציוניסטע געשטימט אקעגען דעם אנטראג, פונ דער פועלי־ציון־פראקציע אז ס'זאל דריי פרויען דעליגירטע, וועלכע זאלען געוועהלט ווערען אויף א פרויענפערזאמלונג אדער דורך א פארשטענדיגונג צווישען אלע פרויענארגא־ניזאציעס, געבען זיץ און שטימע.

גאר מאדנע איז דער שטאנדפונקט פון די דערמאנטע צוויי פארטייען אין דער פראגע צו די קומענדיגע וואהלען זאלען דורכגעפיהרט ווערען אויפ'ן יסוד פון דער וואהלארדנונג, וועלכע איז בעשלאסען געווארען אויף דעם מזרח־גאליצישען נאציאנאלראטסטאג אין סטאניסלוי. דער סטאניסלויער בעשלוס איז א קאניפעסטאציע פונ'ם גאנצען מזרח־גאליצישען יודענטום פארן אקטיווען און פאסיווען פרויענוואהלרעכט, פאר דער פאליטישער גלייכשטעלונג

פון סאן און פרוי. ענדליך אמאל זאל א סוף נעמען די מאטזאכע אז די יודישע פרוי איז געשטאנען פון דער ווייטען צו די וויכטיגסטע געשעהע־ניסע פונ'ם יודישען פאלק און אז דאדורך זענען אזוי פיעל כחות וועלכע האבען געקאנט נוצען דעם יודישען פאלק׳ פערלוירען געגאנגען. די הערען פון אחדות ישראל׳ האלטען אבער פון אחדות ישראל אזוי לאנג׳ ביז דאס טויג זיי׳ סעג זיך דאס מזרח־גאליצישע יודענטום בעשליסען׳ וואס מ׳וויל לאזען דאצו די חסכסת געבען רעליגיעז־קאנסערוואטיווע עלעמענטע וועלבע זענען געווען אויף דער קאנפערענץ פערטרעטען׳ די שווארצע סאות אין טשארטקוב געהט דאס נישט אן. די קאנסערוואטיווען פון א יעדער נאציע זענען תמיד די אנהענגער פון נאציאנאלער איינהייט אונטערווארפען זיך אין זייער דיסציפלינבעוואוסטזיין דעם בעשלוס פון דער מאיאריטעט׳ אונזערע הייסיש קאנסערוואטיווען דראהען מיט א פראנדע מיט׳ן שפרענגען פונ׳ם נאציאנאלראט.

נישט עפעס אנדערש טוען די ציוניסטען. זיי האבען ווידער א פעדער־שלעפונגסטאקטיק מיט דעם קלארען צוועק׳ דאס אוספערסיידליכע אומגליק׳ דאס אקטיווע און פאסיווע פרויענוואהלרעכט זאל קוסען ווי אם שפעטעסטען. מיט ויעלכען רעכט ווילען די חינע ציוניסטען אונטערציהען א רעוויזיע די בעשליסע פון דער סטאניסלויער קאנפערענץ אויף וועלכער די ציוניסטען האבען דאך געהאט די מאיאריטעט: די יודישע נאראדאווע דעמאקראטען׳ די וואס האבען תמיד א התפעלות געהאט פאר נאציאנאלער סאלידאריטעט סיינען א פנים אז אין דער נאציאנאלער סאלידאריטעט איז נישט דא קיין פלאץ פאר דער יודישער פרוי.

מיר האלטען דאס פאר אונטער דעם כבוד פון דער פרוי נאך היינט צו רעדען דערפון פאר וואס ס׳קומט איהר דאס אקטיווע און פאסווע וואהלרעכט מיר קאנסטאטירען אבער נאך אמאל אז די פארקעספער פון איעדען פארט־שריטליכען געדאנק זענען נור מיר פועלי־ציון. די יודישע פרוי מוז דאס פערשטעהען׳ זי מוז דאס וויסען אז איהר איינציגער פערבינדעטער און איהר הארטען קאמף זענען נאר מיר׳ און נאר דאמאלס וועט זיין דאס פרויענוואהלרעכט געזיכערט אז אונזערע פראקציע וועט פון דער וואהל אורנע ארויסגעהן שטארק און מעכטיג.

## צו די קרייזארגאניזאציעס.

חברים! דעם 27 און 28 ד. ח. וועלען אלע מזרה־נאציאליסטישע ארגאניזאציעס ארויסשיקען דעלעגירטע צו בשת־פות׳דיגע בעראטונגען, צום פארטייטאג קיין סטאניסלוי.

די פארטייארגאניזאציעס פון אונזער קרייז ד. ה. אין טלוסטע; יאנאלגיצע, פראבוזשנע, אזיעראן, כאראסטקוב און זאלעשטשיקי ווערען אויפגעפאדערט תיכף די וואהל פון דעלעגירטע פארצונעמען.

אין די שטעט ווי ס׳זענען נישטא נאך קיין פארטיי ארגאניזאציעס ווערען די פארטיי־חברים געבעטען איינעם פון זייער מיט קיין סטאניסלוי צו שיקען.

חברים! די בעראטונגען זענען זעהר וויכטיג! קיין שום ארגאניזאציע טאר נישט פעהלען.

דאס קרייזקאמיטע פון דער יוד. סאצ. דעמ. ארבייטער פארטיי פועלי־ציון.

### פארלעזונג.

פרייטיג צו נאכטס זעכס אזייגער וועט פארלעזען דר. אויזעדקעס ידער משונגענער די מאנוסקריפט פון זיין־פאטער.

שבת נאכמיטאג צוויי אזייגער א גאר וויכטיגע פארטייפערזאמלונג

Zahntechnisches — Atelier
ADOLF PLUSSER
Ringplatz, im Hause M. Sonnenschein wurde wieder eröffnet.

דער סוף פון זייטע איינס

די פראגע פון דער יודישער פאלקסשול מוז ענדליך אמאל אויס טעארעטישע ובוחים אריבער גע־פיהרט יווערען אין א פראקטישע ווירקליכקייט.

דאס ארץ ישראל־רעפעראט וועט זיך פערנעמען מיט די קומענדיגע מעגליכקייטען אין דעם לאנד. מיר טארען נישט פערגעסען, אז קוים עפענט זיך דער וועג׳ וועט די עמיגראציאנסכוואלע טויזענדער יודישע פראלע־טאריער פון דאנען אוועקרייסען מיר מוזען דאצו זיין פאר־בערייטעט.

צו די איינצעלנע פראגען וועלען מיר נאך שטעלונג נעמען אין דער צווייטער נומער.

## גראטולאציעס.

צו דער פערלאבונג פון אונזער חבר איתמר בראנדע מיט פרל. פיינע בראנדע ווינשען מיר איהם א הערצליכסטען מזל טוב און א גליקליכע צוקונפט.

דער ארבייטערראט פון פועלי-ציון.
טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

דער יוד. דראמ. קלוב אין טשארטקוב ווינשט א הערצליכען מזל טוב דעם ליבען חבר יהושע פלעשנער צו זיין פערלאבונג מיט פרל. ברײנע רינגער אויס פראבוזנא.
אים פעבער 1919.

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער חבר יהושע פלעשנער מיט פרל. בראנע רינגער אויס פראבוזנא גראטולירען הערצליכסט די ברידער טריינער און די ברידער שאהער.
טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

בברכת מזל טוב מברכה את חברם חיים רייך לשאתו עם העלמה רבקה קאהן חברת צעירי ציון.
טשארטקוב אדר ראשון תרעט.

---

איך גראטוליר הערצליכסט מיין קוזינע ס. ליניאל צו איהר פערלאבונג מיט הערן מרדכי פייערשטיין.
שלמה ליניאל.
טשארטקוב אים פעבער 1919.

אברהם וויינרויב אין טשארטקוב
(לעבען באזאר)
עמפפעהלט דעם פובליקום זיין זעהר פיינען טע־ערזאץ צור בילינען פרייז.

וויר עמפפעהלען אונזער פיין אסארטירטעס לאגער צור פריהלינגססעזאן אן קאסטים־וואלל־אונד זיידענשטאפפען אללער ארט. סאלידע בעדיענונג.
האנדשוה & ברוקמייער
טשארטקוב. (אים הויזע האטעל בריסטאל)

ארויסגעבער און פעראנטווארטליכער רעדאקטער דר. זיגמונד נעלמאן. — דרוקעריי מ. מארגוליעס טשארטקוב.

נומר. 3. טשארטקוב, דעם 28: פעבער 1919 1. יאהרגאנג.

דער אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: „פועלי ציון“ טשארטקוב.

פרייז .80 ה. גראטול. און פערל. אנצייגען .10 ק.

# די קראפט

(Ді Крафт) ערשיינט יעדען פרייטיג. (Die Kraft)

## די בעשרענקונגען אים מסחר.

נ. דאס אלטע עסטרייך האט געלעגט דעם פרייען האנדעל אסך מניעות אין וועג. מ'איז פון דעם געדאנקענגאנג ארויסגעגאנגען, אז די ארטיקעל וואס איינגע זיך צו א צענטראלער בעווירטשאפטונג טארען אים האנדעל נישט פארקומען, סיידען אין דער פארם, אז דער אונטערנעמער — די מלוכה — גיט איבער דעם בעטרעפענדען ארטיקעל אין די סוחרישע געשעפטען אלס זיינע פערקויפסשטעלען. די ארטיקעל אבער, וועלכע האבען נישט געקאנט צענטראל בעווירטשאפטעט ווערען, זענען געווען פריי און דער מסחר האט געקאנט דא־מיט פריי פערפיגען.

אויף דעם וועג האט מען געזוכט צוויי זאכען צו ערצילען. ערשטענס האט מען די ארטיקעל וואס זענען נישט געווען פארהאנען אין ענטשפרעכענדער מאס, בעסער געקענט ערפאסען און רעגולירען די פער־טיילונג אויף דעם אויפן, אז איינער זאל נישט האבען צו פיל און דער צווייטער צו ווייניג, צווייטענס האט מען געפרובט אריכטיגע פרייז - פאליטיק צו פיהרען דהיינו נישט צולאזען דאצו אז די אין קליינער צאהל פארהאנענע ארטיקלען זאלען נישט בעקומען א זעל־טענהייטסווערט.

צוליב אנאר שלעכטער ארגאניזאציע און א שטראפבארען אינדיפערענטיזם פון דער בעפעלקערונג און נאך מעהר פון דער עסטרייכישער בעאמטענשאפט האט דאס סיסטעם איז עסטרייך אנגעזעצט, וואס בע־וויזט אבער נאך נארנישט גענען דעם רעיון גופא.

פון דער עסטרייכישער מלוכה האט די נייע מערב-אוקראאינישע נאר די בעשרעקונגען אינ'ם מסחר איבערגענומען, א פיהרענדער געדאנק איז אבער אין דער ווירטשאפטס פאליטיק נישט צו דערזעהען. בנוגע די לאנדווירטשאפטס פראדוקטען (די ערנטע פונ'ם יאהר 1919) האט די נייע מלוכה אפילו נישט קיין פרוב געטון די דאזיגע נויטינגסטע ארטיקלען ביים פראדוצענט גופא צו ערפאסען. בפרט בויערנווירטשאפטען זענען פונ'ם אבליפערונגסצוואנג בעפרייט. אויך פון א פרייז־פאליטיק קען דא נישט גערעט ווערען, ווייל די נייע מלוכה האט צוואר מאכסימאל פרייזע פעסטגעזעצט, אים מאמענט אבער, אז זי לעגט נישט אויפ'ן בויער ארויף דעם צוואנג די סחורה צו פערקויפען קומט דער פערקויף נאר דאמאלס פאר, ווען דער פונ'ם קאנסומענט געגעבענע פרייז איבערשטייגט נאר שטארק דעם פעסטגעזעצטען העכסטפרייז.

דאס איז א ווירטשאפטספאליטיק, וואס בעגינס־טיגט דעם מיטלערען און דעם גרויסען בויער, צווינגט אבער דעם לאנדלאזען ארבייטער אים דארף און דעם שטעטישען קאנסומענט און בפרט די שטעטישע אר־בייטערקלאס צו קויפען באדענפראדוקטען צו נאר הויכע פרייזען.

ביי די פרוצים נעמט אפילו די נייע מלוכה די תבועה צו העכסטפרייזען, ס'זענען אבער אין גאנץ מערב אוקראאינא א פאר שטעט וואס בעקומען אין נאר קליינעם מאס (איינס א האלב קילא פרא קאפף און חודש) מעהל צום העכסטפרייז.

דער נייער מאכסימאלטאריף איז אבער אזוי הויך, אז אויסשאלטענדיג דעם פרייען מסחר האט די מלוכה געמעגט מאכען א שריט ווייטער און אויך פעסטזע־צען א אבליפערונגסצוואנג צו די העכסטפרייזען. אויף דעם אויפן וואלט דאס געווען מעגליך אויך דעם לאנדארבייטער און דעם שטעטישען פראלעטאריער צו געבען מעהל צו ערשווינגליכע פרייזען.

אויף בנונע אסך אינדוסטריארטיקלען האט דאס אלטע עסטרייך ארויפגעלעגט דעם מסחר פערשידענע בעשרענקונגען. דער פארראט פון די רוישטאפע איז געווען א גאר קליינער, כדי אלזא די האלב - און גאנץ פאבריקאטען גערעכט צו פערטיילען האט מען געמוזט דעם פראדוקט דירעקט ביים פראדוצענט ערפאסען דער בעצוג פון רוישטאפען פונ'ם אויסלאנד איז געווען כמעט גאנץ אויסגעשלאסען. מהאט נישט דערלאזט צו בעציהען די ארטיקלען פונ'ם אויסלאנד, ווייל דאדורך האט זיך די עסטרייכישע וואלוטא, וועלכע איז שוין אזוי ווי אזוי גאר שלעכט געשטאנען, נאך מעהר פערשלעכטערט.

אויך די אוקראאינישע מלוכה לעגט דעם פרייען האנדעל מיט אינדוסטריארטיקלען אסך מניעות אין וועג, נאר... ווען צוויי טוען דאסזעלבע איז'ס נאך נישט דאסזעלבע.

אין מערב - אוקראאינא איז נישטא קיין היימישע אינדוסטרי. וואס ס'איז פראהאנען אין אזעלכע ארטיקלען, זענען דאס סחורות, וועלכע ווערען בעצויגען פונ'ם רעסט פונ'ם אלטען עסטרייך. דער פריהערדיגער איינהייטליכערווירטשאפטסשטח איז צעריסען געווארען, דער רעסט עסטרייך איז פאר מערב - אוקראאינא ווירטשאפטס־אויסלאנד און ס'איז נישטא קיין סבה, פאר וועלכער מ'זאל נישט פון דעם אויסלאנד בעציהען ווי אם מייסטען סחורה. וואלוטארישע ריקזיכטען שטעהען דא ווי אים אלטען עסטרייך נישט אנטקעגען, ווייל די הערשענדע וואלוטא איז דא ווי דארט די קראנע. אומגעקעהרט טלינט אים אינטערעס פון אונז דא צו בעציהען ווי אם מייסטען סחורה פונ'ם רעסט - עסטרייכישען ווירטשאפטסאויסלאנד, ווייל נור אויף דעם וועג קענען מיר פערמיידען, אז די סחורה זאל נישט בעקומען א זעלטענהייטסווערט.

דארפאר איז לחלוטין נישט פערשטענדליך, אז די בעהערדע גיט דעם סוחר וואס וויל בעציהען א דוצענט טערמאמעטערס, איינפוהרשיין נור אויף אהאלב דוצענט, אדער אז זי גיט בכלל נישט קיין איינפוהרשיין מיט דער מאטיווירונג אז די בעטרעפענדע סחורה איז נישט נויטיג. אזא בעשרענקונג וואלט נור אין דעם פאל געהאט א זין, ווען די אוקראאינישע מלוכה שאפט אליין צענטראלארגאניזאציעס מיט דער אויפגאבע אזעלכע אינדוסטריארטיקלען איינצופיהרען. אזוי לאנג דאס איז נישט געשעהען מוז דאס די אוקר. בעהערדע איבערלאזען דעם מסחר.

איין פאלגע האבען שוין די ביזאיצטיגע בעשרענקונגען געהאט, דער מסחר, דער עקזיסטענציסוד פון אסך יודישע משפחות ליגט כמעט גאנץ דערשטיקט. דער גרויסער סוחר קען נאך אויסהאלטען, דעם קליינען קוקט שוין די נויט און דאס עלענד אין די אויגען אריין. ס'געהען אסך פרנסות, וועלכע זענען געווען פערבונען מיטן מסחר צונרונד; טרעגערס און בעלי־ענלות געהן ארום אהן בעשעפטיגונג. דער קליינער עולם ווערט פראלעטאריזירט און דראהט מיט א גאר שטארקער קאנקורענץ דעם לוינארבייטער.

דער קאנסום ווערט אויף א קינסטליכען אויפן בעגרעניצט און די פארהאנענע סחורה ווערט פון טאג צו טאג טייערער, ווייל ז' בעקומט א זעלטענהייטסווערט.

# סאציאל־פאליטישע נאטיץ.

## יוד. ארבייטער קאנסום אין טשארטקוב.

אוים איניציאטיווע פונים היגען ארבייטערראט האט זיך אים חודש נאוועמבער דא דער יוד. ארבייטער־קאנסום ארגאניזירט און דעם עלפטען דעצעמבער אנגעהויבען זיין טעטיגקייט. שוין אים פארוים קען געזאגט ווערען, אז דער קאנסום האט זיך ערוויזען אלס געאייגנעטע וואפע אים קאמף אקעגען דעם פון טאג צו טאג וואקסענדען יקרות און אז ער איז אונגעמבעהרליך געווארען דער צאהל פון צוויי הונדערט דרייסיג ארבייטער־און בעל־מלאכה משפחות, וועלכע זענען אינים קאנסום איינגעשריבען.

די הילף פונים קאנסום בעשטעהט קודם כל אין דעם, וואס ער בעגנינט זיך מיט אסך קלענערעם רוח ווי דער פריוואטקרעמער. בשעת דער קרעמער פערדינט אין דער סחורה לכל הפחות פינפאינצוואנציג פראצענט בטגנינט זיך דער קאנסום מיט זעכס ביז זיבען פראצענט אזוי, אז ער איז בכח כמעט יעדע סחורה ביליגער אבצוגעבען.

נאך גרעסער איז צו שעצען די אינדירעקטע ווירטשאפטליכע השפעה פונים קאנסום. ער דריקט די פרייזע ביי דעם קרעמער. ביי דער איצטיגער קנאפהייט פון באדענפראדוקטען, וואלט שוין דער קרעמער לאנג אויסגעניצט די קאנוקטור און וואלט פערלאנגט הייגט למשל פאר קארנמעהל צעהן ביז עלף קר. פאר ווייצענמעהל זעכצעהן ביז אכצעהן קר. וכדומה. אויף דעם אויפן ניצט דער קאנסום נישט נור זיינע מיטגלידער, נור אויך דעם רעסט פון דער היגער בעפעלקערונג, וועלכע איז נישט אין קאנסומען ארגאניזירט.

אינים משך פון אנדערטהאלב חדשים ביז צום איינאינדרייסיגסטען יענער פון דעם יאהר גערעכינט, וואס דער קאנסום בעשטעהט איז אבגעזעצט געווארען סחורה פאר אניערך פון הונדערטזיבצען טויזענד זעכס הינדערט קר., אזוי אז ווען דעם סכום זאלען די מיטגלידער געוועזן אבקויפען ביי פריוואטקרעמער וואלט דערפון איבערגעבליבען דעם קרעמער לפחות פינפאינצוואנציג פראצענט רוח ד. ה. א ערך פון דרייסיג טויזענד קר. דער קאנסום האט פון דעסזעלבען אומזאץ געהאט א רוח פון צוועלף טויזענד קר. אזוי אז אכצעהן טויזענד קר. זענען געבליבען אין די הענד פון די מיטגלידער. פון דעם רוה פון צוועלף טויזענד קר. איז א חלק אויפגעגאנגען אויף געשעפטשפעזען און אנגעשטעלטענלוינען, א גאר גרויסער חלק איז געבליבען אלס רייגגעווין פונים קאנסום פון דער אייגענער אינסטיטוציע פון די מיטגלידער.

ס'איז נישט צו פערגעסען אז דער קאנסום איז נאך אינים אנהויב פון זיין טעטיגקייט די אונערמידליכע ארבייט פונים דירעקטאריום און דעם אויפזיכטסראט פיהרט דאצו, אז דער קאנסום ענטוויקעלט זיך פון טאג צו טאג מעהר, אזוי אז דער נוצען ווערט פאר די מיטגלידער פון טאג צו טאג גרעסער.

דער יוד. ארבייטער קאנסום אין טשארטקוב האט זיך ערוויזען אלס א גאר ניצליכע אינסטיטוציע. ס'וואלט כדאי געווען אז די ארבייטער פון אנדערע שטעט זאלען דעם משל פון טשארטקוב נאכגעהן

י. ווייסבערג.

די נויט צווישען יודישע פראלעטאריער איז גרויס די אהיימקעהרער הענגען קיין ארבייט נישט בעקומען און דא דראהט די סכנה אז ס'זאלען נאך צוקומען נייע פראלעטאריזירטע מאסען אהן פרנסה.

ס'לינט נישט אים אינטערעס פון דער יונגער מלוכה זיך צו שאפען א אומצופרידען עלעמענט אין די שטעט.

## אונזערע פאָרדערונגען ביי דער פריעדענסקאנפערענץ.

אחוושליכע אומקלארקייט הערשט ביזן היינטיגען טאג איבער אטא דעם פראבלעם, די ידיעות דאריבער אין דער יודישער פרעסע, זענען זיך אזוי סותר אז מען קען זיך דאריבער בשום אופן קיין קלאר בילד מאכען. באלד זענען די פאָרדערונגען אויף א הויכער מאס ארויפגעשרויבט, באלד אויף א מינימום רעדוצירט. היינו אט הייסט עס, אז די יודישע מדינה זאל אין ארץ ישראל געגרינדעט ווערען מיט פולער אונאבהענגיגקייט און אינטערנאציאנאל גאראנטירטער סאוועריניטעט, באלד ווידער הייסט עס אז מיר ווילען זיך בעגניגען מיט פרייער קאלאניזאציאנס - און ווירטשאפטליכער ענטוויקלונגסמעגליכקייט, אונטער ענגלישעם אפיטרופסות. דאס לעצטערע ווייזט אויס איז אויך געווען אין דער אמת'ן דער וואונש און ווילען פון די פערנונפטיגערע מיטגלידער פונ'ם ענגערען ציוניסטישען אקטיאנסקאמיטע דארויף ווייזט, דאס פון פראפ. וויצמאן פארמולירטע פראגראם וועלכעס שטעלט אויף פאלגענדע יסודות: 1. די אנערקענונג פון די נאציאנאלע און היסטארישע רעכטע פונ'ם יודישען פאלק אין ארץ ישראל. 2. ביז יודען וועלען בכח זיין א אייגענע מלוכה צו פיהרען, מוז ארץ ישראל שטעהען אונטער אן אפיטרופסות און דער אפיטרופסת זאל זיין ענגלאנד. ווייטער ווערט פערלאנגט, אז ס'זאלען געשאפען ווערען אייגענע אגרארגעזעצען און אז אלע עפענטליכע אונטערנעהמונגען זאלען פון א יודישער ארגאניזאציע געלייטעט ווערען. פון די לעצטע ידיעות אויס שטאקהאלם קען מען אבער ארויסנעמען, אז אט די געמעסיגטע פאָרדערונגען האט מען געלאזט פאלען, אז וויצמאן איז דעזאוואוירט געווארען, און אז מ'האט דעם לאנדאנער ציוניסטען פיהרער הערבערט סאמועל בעאויפטראגט אניי פראגראם מיט העכסט פאָרדערונגען אויסצוארבייטען. דאצו האבען מיר צו זאגען:

ווי אזוי גרויס די מאטעריעלע און גייסטיגע נויט פונ'ם יודענטום אין די גלות לענדער זאל נישט זיין, האלטען מיר דאך די קינסטליכע אויפריכטונג פונ'ם יודישען שטאט מיט איינמאל פאר פראקטיש אונדורכפיהרבאר, דאס ערפאָדערט כחות, און קאפיטאל וועלכע מיר זענען ביים בעסטען ווילען נישט בכח צולייסטען און ווידער וואלט דאס מיט זיך געבראכט אגרויסע סכנה. אזוי ווי מיר זענען נישט זיכער פארויס אז דאס פראבלעם מוז געלינגען, מיינען מיר אז מיט אגורל פון אפאלק טאר מען קיין עקספערימענטען נישט מאכען שטעלען מיר זיך נור פאר; דאס נישט געלינגעז פון אזא מין נסיון וואלט נישט ווייניגער בעטייט, ווי דעם באנקעראט פונ'ם ציוניסטישען רעיון פאר עבינע צייטען.

ס'פרעגט זיך צי דער איינציגער און אפשר נישט אזוי גרויסער פועל יוצא דאפון, א אייגענע רעגירונג, איז ווערט דאס גרויסע אחריות.

ווילען מיר היילען די גרויסע נויט, און שאפען פאר אונזער פערוואגלט פאלק. אדער דארפען מיר זיך בעפאסען מיט דיפלאמאטישע שטאטסאקציאנען?— דעם שטעלעז מיר אקעגעז אונזערע פועלי ציוניסטישע פאלעסטינא פאָרדערונגען וועלכע באזירען אויף א גרונדליכע ערפארשונג פון דער פראגע.

מיר פערלאנגען די פרייע איינוואנדערונג אין אלע לענדער בכלל, און די אונגעהינדערטע איינוואנדערונג קיין ארץ ישראל בפרט. מיר פאָרדערן פאר ארץ ישראל די ברייטעסטע קאלאניזאציאנסמעגליכקייט. מיר בעשטעהען אז אטא די אונזערע רעכטע זאלען אונז אינטערנאציאנאל גאראנטירט ווערען. אויפגאבע פון דער יודישער ארגאניזאציע וועט עס זיין, אלע כחות איבער וועלכע דאס יודישע פאלק פערפיגט, צו מאבאליזירען. און אין דיענסט צו שטעלען פון דעם גרויסען קאלאניזאציאנסווערק, אנז קומענדיגע דורות זאלען דאריבער ענטשיידען, ווי ווייט דאס ווערק איז אונז געלונגען.

ש. צ. מ—ר.

## קארעספאנדענצען.

**בנטשאטש** נאך פיערזאהאלב יאהר מיטמאכען צרות און טויטשרעקן וועלכע אונזער שטאט האט מעהר פון אלע שטעט גאליציען, איז ענדליך געקומען די צייט, ווען די יוגענד איז ארויס פון די שיצענגרעבען, אהיימגעקומען און גענומען די שטאט ווידער צום גייסטיגען לעבען צוריק צו פיהרען. אזוי האט זיך געבילדעט א יוד. דראמאטישער קלוב, וועלכער האט שוין נאך דריי וואכען ארבייט זיין לעבענספעהיגקייט בעוויזען.

דעם פינפצענטען ד. ח. האט דער דראמ. קלוב פעראנשטאלטעט א אווענד מיט א מוזיקאליש־ליטערארישען פראגראם. אים צווייטען טייל איז געשפילט געווארען „שמע ישראל" א דראמא אין דריי אקטען פון אסיף דימאוו.

חבר קלמאן פרידמאן, וועלכער האט שוין נאך פאר דער מלחמה אונז זיין טאלענט אומצעהליגע מאל בעוויזען, האט די ראל פון אהרן שיפער מוסטערהאפט געגעבען, האט אבער אין דריטען אקט פון שטארקער בעגייסטערונג פערגעסען, אז ער שפילט דא די ראל פון א דרייאינזעכציג יעהריגען געבראכענעם זקן און דאדורך אין א יונגער אויפרעגענדער שטימונג ארייננעפאלען. דאגעגען האט זיך פרל. שענבערג אין איהר ראל אלס חנה בעזונדערס אויסגעצייכנעט. אזוי אז מיר קענען מיט אזא טאלענטפולער קראפט שטאלץ

זיין. פרל. שרייבער אלס שרה האט זיך אין איהר ראל גוט איינגעלעבט. דאגעגען האט זיך חבר ב. הערזאס אלס יעקב ענמאן געקאנט צו אזא בלה ווי פרל. שענבערג א ביסיל ווארעמער און טעמפעראמענטפולער אויפטרעטען. פונדעסטוועגען האט ער זיין ראל גוט געגעבען און ס׳איז אין איהם א גוטע קראפט פארויסצוזעהען. גוט פארשטאנען האט זיין ראל חבר לאבער ווי אויך די חברים הר. שיפלער, שטיינבאך און אייזענבערג.

א ישר כח קומט די אלע מיטגלידער, וועלכע האבען ביים פעראנשטאלטען פונים אווענד אסך געלייסטעט, בעזונדערס די חבר׳טעס געשוויסטער חערזאס און הירשהארן, פרל. הארטמאן, פרידמאן חבר זאמער עט צ. דער ריינגעווין פון קר. פינפ טויזענד איז בעשטימט פאר אריטע פון אונזער שטאט.

מיר קענען זיכער בעהויפטען, אז קיין שום פעראנשטאלטונג האט נאך אזא ערפאלג נישט געהאט ווי דער אווענד.

ס׳איז פון דעם דילעטאנטען קלוב, וועלכער האט א גרויסע צאהל אינטעליגענטע כחות אויף פאר וויטער גוטע ליטעראַרישע פאלקס ארבייט צו ערווארטען.

ב. ל.

---

**אלע אבאנענטען ווערען אויפמערקזאם געמאכט אז זיי קענען זיך די צייטונג אבנעמען יעדען פרייטיג אים געשעפט פון ראובן שער.**

פאר דער אדמיניסטראציע יוסף יעגער.

---

**אין אלע פארטיי עיניגים איז זיך צו ווענדען צום חבר י. יעגער וואס אמטירט אין פערייגסלאקאל פון האלב 12. ביז 1. אחוץ שבת און יום טוב.**

---

## פארטראג.

**שבת דעם 1. מערץ 2. אזייגער נאכמיטאג וועט אבגעהאלטען ווערען א פארטראג איבער דעם טעמא "די פרוי און איהר סאציאלע שטעלונג" רעפ. חבר׳טע דיקערמאן מרים.**

---

## 2. אויסווייז פונ׳ם "פאלעסטינא ארבייטערפאנד"

**טשארטקוב:** נעזאמעלט דורך חבר שער און חבר׳טע אקסעלראד אויף פערלאבונג אויערבאך-יעגענדארף 185 קר. אויף פערלאבונג פייערשטיין-ליניאל דורך קארנבוים-יעגער 47 קר. אויף חתנה ראקאך דורך חבר׳טע ביימער אין חבר טריינער 49 קר. אויף חתנה קאהן-רייך דורך חבר׳טעם אקסעלראד-ביימער 142 קר. אויף חתנה ליניאל-אקסעלראד דורך חברים בראנדע-העלערבאך 251 קר. אויף פערלאבונג נאסענבויער - אמעראנד דורך חברים יעגענדארף - באאר 102 קר. אויף פערלאבונג ריטטעל-היטצינגער דורך חברים יעגענדארף-באאר 131 קר. צוזאמען 907 קר.

פארן קאסירער ישראל מרדכי טריינער.

---

# פערלאבונג און גראטולאציאנס אנצייגע.

ריטטעל פייגע — היצינגער נתן

פערלאבטע

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

צו דער פערלאבונג פון מיין חבר איתמר בראנדע מיט פרל. פייגע בראנדע ווינש איך א הערצליכסטען מזל טוב חיים פייערבערג.

פראבוזנא אים פעבער 1919.

---

צו דער פערלאבונג פון מיין פריינד איתמר בראנדע מיט פרל. פייגע בראנדע גראטולירט הערצליכסט אליעזר פייערשטיין.

פראבוזנא אים פעבער 1919.

---

צו דער פערלאבונג פרל. אסתר ליניאל מיט הערן מרדכי פייערשטיין גראטולירט הערצליכסט אליעזר פייערשטיין.

פראבוזנא אים פעבער 1919.

---

צו דער פערלאבונג פונים אוישוסמיטגליד פרל. גאלדע זאמער אויס פראבוזנא מיט הערן יהודה מאזנער אויס קאליעדזאנע ווינשט אן הערצליכען מזל טוב דער דאמען-פעריין "יהודית".

פראבוזנא אים פעבער 1919.

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער פריינד בן ציון יעגענדארף מיט פרל. מארגענשטהל גראטולירען הערצליכסט מינא און ראובן שער.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

איך גראטולירע הערצליכסט מיין שוועסטער גיציע ליניאל צו איהר חתנה מיט הערן שלום אקסעלראד. שלמה ליניאל.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

א הארציגען מזל טוב דער חבר׳טע פייגע ריטטעל צו איהר פערלאבונג מיט חבר נתן היצינגער ווינשען ברוך קופפערמאן און אביש טרייסטער.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

בברכת מזל טוב אני מברך את חברי נתן היצינגער לאריסתו עם חברת פייגע ריטטעל. שלמה ליניאל.

טשארטקוב אדר ראשון תרע״ט.

---

בברכת מזל טוב מברכת חברת "צעירי ציון" את חברם נתן היצינגער לאריסתו עם העלמה פייגא ריטטעל.

טשארטקוב אדר ראשון תרע״ט.

---

הריני מברך ברכת מז״ט את מכירי מר ישכר ריטעל עם רעיתו לארופתם את בתם מ׳ פיגה. מז״ט גם לחתן־כלה. ש. הינדם.

טשארטקוב אדר ראשון תרע״ט.

---

אליעזר רובעל מיאנאלניצע מברך בברכת מז״ט את איתמר בראנדע לארוסתו עם פיגה בראנדע.

טשארטקוב אדר ראשון תרע״ט.

---

ראזא און מרים אקסעלראד גראטולירען הארציג זייער פריינדין מריש ביימער צו איהר פערלאבונג מיט הערן פורער אויס דונאיאבצע.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

# חברים זאמעלט פרעספאנד!

ארויסגעבער: פעראנטווארטליכער רעדאקטער דר. זיגמונד געלמאן. — דרוקעריי מ. מארטוליעס טשארטקוב.

זיין. פרל. שטרייבער אלס שרה האט זיך אין איהר ראל גוט איינגעלעבט. דאנגעגען האט זיך חבר ב. הערזאס אלס יעקב ענטאן געקאנט צו אזא בלה ווי פרל. שענבערג א ביסיל ווארעמער און טעמפעראמענטפולער ארויסטרעטען. פונדעסטוועגען האט ער זיין ראל גוט געגעבען און ס'איז אין איהם א גוטע קראפט פארויסצוזעהען. גוט פארשטאנען האט זייי ראל חבר לאבער ווי אויך די חברים הר. שיפלער, שטיינבאך און אייזענבערג.

א ישר כח קומט די אלע מיטגלידער, וועלכע האבען ביים פעראנשטאלטען פונים אווענד אסך געלייסטעט, בעזונדערס די חבר'טעס געשוויסטער הערזאס און הירשהארן, פרל. הארטמאן, פרידמאן חבר זאמער עט צ. דער ריינגעווין פון קר. פינפ טויזענד איז בעשטימט פאר ארימע פון אונזער שטאט.

מיר קענען זיכער בעהויפטען, אז קיין שום פעראנשטאלטונג האט נאך אזא ערפאלג נישט געהאט ווי דער אווענד.

ס'איז פון דעם דילעטאנטען קלוב, וועלכער האט א גרויסע צאהל אינטעליגענטע כחות אויף פאר וויטער גוטע ליטעראריש פאקס ארבייט צו ערווארטען.

ב. ל.

---

**אלע אבאנענטען ווערען אויפמערקזאם געמאכט אז זיי קענען זיך די צייטונג אבנעמען יעדען פרייטיג אים געשעפט פון ראובן שער.**

פאר דער אדמיניסטראציע יוסף יעגער.

---

**אין אלע פארטיי עינינים איז זיך צו ווענדען צום הבר י. יעגער וואס אמטירט אין פעריינסלאקאל פון האלב 12. ביז 1. אחוץ שבת און יום טוב.**

---

## פארטראג.

**שבת דעם 1. מערץ 2. אזיינער נאכמיטאג וועט אבגעהאלטען ווערען א פארטראג איבער דעם טעמא "די פרוי און איהר סאציאלע שטעלונג" רעפ. חבר'טע דיקערמאן מרים.**

---

## 2. אויסוויז פונ'ם "פאלעסטינא ארבייטערפאנד"

טשארטקוב: געזאמעלט דורך חבר שער און חבר'טע אקסעלראד אויף פערלאבונג אויערבאך-יעגענדארף 185 קר. אויף פערלאבונג פייערשטיין-ליניאל דורך קארנבוים-יעגער 47 קר. אויף חתנה ראקאך דורך חבר'טע ביימער און חבר טריינער 49 קר. אויף חתנה קאהן-רייך דורך חבר'טעס אקסעלראד-ביימער 142 קר. אויף חתנה ליניאל-אקסעלראד דורך חברים בראנדע-העלערבאך 251 קר. אויף פערלאבונג נאסענבויער - אמעראנד דורך חברים יעגענדארף - באאר 102 קר. אויף פערלאבונג ריטטעל-היטצינגער דורך חברים יעגענדארף-באאר 131 קר. צוזאמען 907. קר.

פארן קאסירער ישראל מרדכי טריינער.

---

## פערלאבונג און גראטולאציאנס אנצייגע.

| | | |
|---|---|---|
| ריטטעל פייגע | פערלאבטע | היצינגער נתן |

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

צו דער פערלאבונג פון מיין הבר איתמר בראנדע מיט פרל. פייגע בראנדע ווינש איך א הערצליכסטען מזל טוב חיים פייערבערג.

פראבוזנא אים פעבער 1919.

---

צו דער פערלאבונג פון מיין פריינד איתמר בראנדע מיט פרל. פייגע בראנדע גראטולירט הערצליכסט אליעזר פייערשטיין.

פראבוזנא אים פעבער 1919.

---

צו דער פערלאבונג פרל. אסתר ליניאל מיט הערן מרדכי פייערשטיין גראטולירט הערצליכסט אליעזר פייערשטיין.

פראבוזנא אים פעבער 1919.

---

צו דער פערלאבונג פונים אוישוסמיטגליד פרל. גאלדע זאמער אויס פראבוזנא מיט הערן יהודה מאזנער אויס קאליעדזאנע ווינשט אן הערצליכען מזל טוב דער דאמענפעריין "יהודית".

פראבוזנא אים פעבער 1919.

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער פריינד בן ציון יעגענדארף מיט פרל. מארגענשטאהל גראטולירען הערצליכסט מינא און ראובן שער.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

איך גראטולירע הערצליכסט מיין שוועסטער גיציע ליניאל צו איהר חתנה מיט הערן שלום אקסעלראד. שלמה ליניאל.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

א הארציגען מזל טוב דער חבר'טע פייגע ריטטעל צו איהר פערלאבונג מיט חבר נתן היצינגער ווינשען ברוך קופפערמאן און אביש טרייסטער.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

בברכת מזל טוב אני מברך את חברי נתן היצינגער לאריסתו עם חברת פייגע ריטטעל. שלמה ליניאל.

טשארטקוב אדר ראשון תרעט.

---

בברכת מזל טוב מברכת חברת "צעירי ציון" את חברם נתן היצינגער לאריסתו עם העלמה פייגא ריטטעל.

טשארטקוב אדר ראשון תרעט.

---

הריני מברך ברכת מז"ט את מכירי מר ישכר ריטעל עם רעיתו לארוסתב את בתם מ' פיגה. מז"ט גם לחתן־כלה. ש. הינדס.

טשארטקוב אדר ראשון תרע"ט.

---

אליעזר רובעל מיאגאלניצע מברך בברכת מז"ט את איתמר בראנדע לארוסתו עם פיגה בראנדע.

טשארטקוב אדר ראשון תרע"ט.

---

ראזא און מרים אקסעלהאד גראטולירען הארציג זייער פריינדין מרים ביימער צו איהר פערלאבונג מיט הערן פורער אויס דונאיאבצע.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

# חברים זאמעלט פרעספאנד!

---

ארויסגעבער : פעראנטווארטליכער רעדאקטער דר. זיגמונד געלמאן. — דרוקעריי מ. מארטוליעס טשארטקוב.

נומר. 4. טשארטקוב, דעם 7. פעבער 1919 1. יאהרגאנג.

דער אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: „פועלי ציון" טשארטקוב. **פריין 80 ה.** גראטול. און פערל. אנציינען 10 ק.

# די קראפט

(Die Kraft) ערשיינט יעדען פרייטאג. (Ді Крафт)

## דר. מאקס ראזענפעלד ז"ל.

אונזער פיהרער איז נישטא מעהר. ס'וויל זיך א שריי טון אקעגען דעם אכזריות'דיגען טויט, וואס נעמט אונז אוועק אונזערע בעסטע ס'וויל זיך נישט גלויבען, אז דאס קען אמת זיין, אז דער יונגער מענש פון אפאר און דרייסיג יאהר וואס איז ביזן לעצטען אטעמצוג געשטאנען קעמפענד און אונזערע רייהען דער זאל נישט מעהר קענען דער געוועזענער זיין פאר די טויזענדער יודישע פראלעטאריער, וועלכע זענען אין אונזער פארטיי ארגאניזירט.

די שרעקליכע ידיעה איז צו אונז נאך פאר א פאר טעג געקומען און מיר האבען זי געזאלט ברענגען שוין אין דער פריהערדיגער נומער מיר האבען נאך נישט געגלויבט. אז דער טויט זאל זיין אזוי אהנרחמנות'דיג, מיר האבען נאך געהאפט... נישטא מיז האפנונג מעהר. דר. מאקס ראזענפעלד וועט נישט מעהר זיין צווישען אונז.....

נעגויע ביאגראפישע דאטען פעהלען אונז. די איצטיגע טרויריגע פאסטפערהעלטניסע לאזען נישט צו זיי צו זאמלען. איינס איז זיכער: זיין גאנץ לעבען איז געווען אויסגעפולט פון אונזער גרויסען אידעאל, זיין גאנץ לעבען איז געווען א קאמף פאר דעם אידעאל.

נאך אלס יונגער סטודענט אים גימנאזיום אין דראהאביטש ארבייט ער שוין אין די ווייהען פונ'ם ארגאניזירטען פראלעטאריאט. דער פועלי־ציוניזם שטעקט נאך דאמאלס אין די קינדער־שוכלעך; די פריהער ציוניסטישע ארבייטער הייבען אן סאציאליסטיש צו פיהלען און צו דענקען, זיי ווערען זיך בעוואוסט אין זייער קלאסענאינטערעסען די ענטוויקלונג מאכט אויף דער יונגער ראזענפעלד מיט און איז איינער פון איהרע טרעגער.

אין דראהאביטש קעמפט ער אויך אלס יונגער אקאדעמיקער, בשעת זיין וואוינען אין די דראהאביטשע ארגאניזאציע איינע פון בעסטע. צו דער צייט הייבט ער אן זיינע ערשטע שריט אין דער פובליציסטיק. ס'ערשיינען זיינע ארטיקעל אים יוד. ארבייטער, אין דער „צייטשריפט פיר סטאטיסטיק און דעמאגראפיע דעם יודענטומס", זיינע קארעספאנדענצען אין דער ציוניסטישער וועלט. אים יאהר 1908—1909 איז ער אין וויען, ווי ער איז צום ערשטען מאל מיטגליד פון דער פארטיי־עקזעקוטיווע, שלמה קאפלאנסקי איז דאמאלס פארזיצענדער פון דער עקזעקוטיווע, ראזענפעלד איז זיין רעכטע האנד.

אים יאהר 1908 איז דער בעוואוסטער בערלינער נאציאנאלעקאנאם דר. פראנץ אפענהיימער אין לעמבערג און האלט אב א סעמינאר פון נאציאנאלעקאנאמיע. גלענצענד נעמט אויף דער יונגער דר. ראזענפעלד אנטייל אים סעמינאר און שטעהט אונטער דער השפעה פון דער גלאנצפולער פערזענליכקייט אפענהיימס. ער ווערט א איבערציינטער אנהענגער פון זיין נאציאנאלעקאנאמישען סיסטעם און בפרט פון דער גענאסענשאפט־ליכער קאלאניזאציע. פאר וועלכער ער איז שטארק טעטיג אין ווארט און שריפט.

אין דער צווייטער העלפט 1909 קומט דער ראזענפעלד קיין לעמבערג ווי ער איבערנעמט דעם פאר זייז פונ'ם פארטייסעקרעטאריאט, אויף דעם זעלבשטענדיגען טעטיגקייטסגעביט בעווייזט ער זיינע פעהיגקייטען אלס פאליטישער פיהרער. די גרויסע אקציע ווענען פאלקסצעהלונג, וועלכע

אין סוף 1910 דורך אונזער פארטיי דורכגעפיהרט געווארען, איז אין א גרויסען הלק זיין ווערק.

ער ווערט נישט מיד אין זיין ארבייט ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה. ער בלייבט אין לעמבערג בשעת דער רוסישער אינוואזיע. נאך דער בעפרייאונג פון לעמבערג ריכט ער אייז צום מיליטערדיענסט אין ענטוויקעלט דאביי א אינטענזיווע ליטערארישע טעטיגקייט. נאך דעם נשמהטויטען דינסט פיהלט ער די נויטווענדיקייט זיך גייסטיג צו ערהאלען און צו רייניגען אין די נעדאנקענטיפעני׳שען פון אונזער אידעאל.

ער גיט ארויס זיינע פונדאמענטאלע ארבייט איבער אונזער נאציאנאל - פאליטישע אויטאנאמיע און די צווייטע איבער די יודען און פוילען.

די נאוועמבער - רעוואלוציע טרעפט איהם אין פרזעמיסל, ווי ער ווערט נעוועהלט צום פארזיצענדען פונים דארטיגען נאציאנאלראט.

אלס קעמפער איז ער געשטארבען..... נאך די אויפרעגונגען פון א זיצונג בעקומט ער א שלאגאנפאל.

אכזריות׳דיג איז דער גורל, וואס האט איהם אונז אוועקגענומען, איהם פון וועלכען מיר האבען נאך אזוי פיעל נעקענט האפען.

דר. מאקס ראזענפעלד איז נישטא מעהר צווישען אונז! מיר טרויערן...

---

# דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטען קאנגרעס אין בערן.

מיט דעם ערשטען שום פון די דייטשע קאנאנען אין בעלגיען זענען די פאדעם פונ׳ם אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט צעריסען געווארען.

דעם סקאנדינאוויש - האלענדישען סאציאליסטישען בירא איז נאך לאנגער אנשטרענגונג און מיה נעלונגען דעם אינטערנ. סאצ. קאנגרעס אויפן 3 פעבער 1919 קיין בערן איינצוריפען.

אויס פארשידענע סבות האבען אמעריקא, בעלגיען און די שווייצער סאצ. דעמ. דעלעגאטען צו דער קאנפערענץ נישט געשיקט.

בראנטינג האט ערעפנעט די קאנפערענץ אין א לענגערער רעדע; אין וועלכער ער בעגריסט ווילסאן און ווארנט, דעם ויעג איבער די מיטעלמעכטע, נישט אויסצונוצען לטובה דער ענטענטע.

זיין רעדע האט א שטארקע אונצופרידענהייט ביי דעם לינקען פלעל ארויסגערופען. מחמת דעם וואס ער האט נישט פראטעסטירט אנטקעגען די אומטריבען פון דער געהיימער דיפלאמאטיע, וועלכע דערהאלט דעם אלגעמיינען האס.

דער געוועזענער מיניסטער אין פראנקרייך טהאמאס האלט א שארפע רעדע, אין וועלכער ער איבערפאלט די דייטשע מעהרהייטססאציאליסטען און די באלשעוויקען. דארויף האט נעענפערט א אנדערער פראנצעזישער

---

# מיינע צרות....

## (מאנאלאג)

חיינט ווי איהר זעהט מיך, אראנק זיין ליבען טאטען בין אשטיקעל עושר, האט אנאטען צווישען סוחרים, יעדער קען מיך און גיט מיר אב כבוד. אי, די ארחי־פרחי הויקען אויף מיר אונטערימער. וועסען ארט עס דען, וועלכען עושר זענען די שנארערס נישט קיין שונאים.

— אתוים־שינרער. זאגען זיי בין איך — א פרייד־טרייבער. אדרבה, איך פרעג אייך, ווער פערקופט חיינט ביליג סחורה.

— וקארגער תוכר, שרייען זיי בין איך, סהערשט אזא גרויסע נויט אין שטאט. און גיב קיין נדבה.

זעהט אייך אפיקאוריס וואס אונזערע יודעלעך זענען, אז עמיצער האט געמאכט עטליכע קראנען, וואלטען זיי געוואלט מען זאל זיך מיט זיי טיילען. אמת, קיין מילדער בין איך נישט, נאר פרעג איך אייך: זאל איך מיינע פאר תקיער צוטיילען, און צעווארפען וואס נישט אזוי לייכט האב איך זיי ציגויא נעגעסען.

איך שעם מיך אייך צו דערציילען, וואס פאר אגרויסער קבצן איך בין געווען ביז אין דער מלחמה, געזעסען אויף דעם באקי און געריפען האט מען מיך קאפעל שמאטע, בין געווען נישט מעהר ווי א ארימער בעל־עגלה, אין אמאל פערדיגט אויף דער סאראהאוויצי קען קיקען א פערד אין די ציין אריין, בקצור פאיז געקישען די מלחמה, געארבייט מיט שותפים, געליפערט סחורה ווי מען האט בעדארפט..... און ווי איהר זעהט סיקלינגט אין קעשענע.... מיר געקויפט א גרויס הויז, שיין מעבעל און לעב נגידיש, הייס העך גאלדמאן און האב א אויסזעה צווישען גרויסע סוחרים.

מיינט איהר דאך אודאי אז איך בין שוין ארום און ארום גליקליך, האב איך אבער א זוהנדעלי אבן יהידיל, פערבישערט ער מיר מיין גאנץ גליק. געווען פריהער א איידעל יונגעל אריינגעקוקט אין אספרי, ער איז אגרויסער קענער, יעדער האט סקנה געווען קאפלין מיט דעם תכשיט, פליצים איז ער אצינד געווארען א סאציאליסט, האט אין זין גארישקייטען, שלעפט זיך ארום מיט אבאנגרע פשוטע ארבייטער גרויסע שקצים, האלט פאר זיי רעדעס, און איך זיין טאטע הער גאלדמאן, האב איהם אויפגעהערט צו געפעלען, ער קריגט זיך תמיד מיט מיר, איך בעצאהל נישט גוט די מענשען וואס ארבייטען ביי מיר, לאזט מיר נישט ארויס ווארפען די קאמערניקעס וואס צאהלען מיר קיין דירה־געלד און רעד צו מיר אזוי אז ער עקט מיר די יאהרען. וויל איך ער זאל התנה האבען און דארפען טראכטען פרנסה, וועט ער די שטותים אוועקווארפען, און מיינט איהר אפשר פיוויל איהם נישט אריינכערי, און פון א אנשטענדיגער פאמיליע פאר א איידעם, ווייל באמת איז ער אפייער קינד מיט אגישען כאראקטער און רעדי פעריל שיטן זיך איהם אויסין מילי, מען וועט זיך אין איהם נישט אבנארען, מיר מיט מיין פרוי איז זייער געפעלען הער שידוך, און ער מיין תכשיט זאגט ער האט שוין אכלה, ווייסט אותה וועמען עפעס אמפאליערט אסויד, אחבר׳שע זיך אבגעקליבען אין זיין פעריין, כאי אדרבה, זאגט אליין, איז מיך דא מיט וואס מקנה צו זיין....

י. ה—ר.

סאציאליסט אז די דייטשע מעהרהייטססאציאליסטען זענען ווירקליך א סך ציריסגעגאנגען מיט זייער פערהאלטען זיך בשעת דעם גאנצען קריעג אבער אויסוואַרפען זיי פון דער אינטערנאציאנאלע קען מען זיי נישט ווייל א ניט וואלט מען אויך געמיזט אנדערע סאציאליסטישע פארטייען אויסשליסען. אויך קען מען נישט די באלשעוויקען פון דעם ארט פאראורטיילען ווייל די רוסישע רעוואלוציע קען מען נישט בעטראכטען פון איינצעלנע פאזען נאר ווי זי געשטאלטעט זיך אים גאנצען.

דר. פריעדריך אדלער פון וויען ווייזט אן, אז ס'איז א פארטשריט וואס די אינטערנאציאנאלע איז צוזאמענגעקומען נאר פאר די דייטשע און פראנצעזישע מעהרהייטספארטייען אבער די אמת'ע אינטערנאציאנאליסטען איז שוין בשעת דער מלחמה געווען געלעגענהייט זיך צוזאמענצוקומען און צו רעדען. ווייטער ווייזט ער אן אז די עסטערייכישע מאכטהאבער האבען א גרויסען חלק אין אויסברוך פון דער מלחמה פאר וועלכען מען קען אבער נישט פאראנטווארטליך מאכען דאס גאנצע פאלק.

בכלל האט די קאנפערענץ געהאט אנרוים חלק גייסט פון דער מלחמה. די פארשידענע פארטרעטער פון די רעכטע ס. ד. פארטייען האבען אויך דארט געוואלט אריינברענגען די טענות פון שולדיגע און ניט שולדיגע און דערמיט וואלט אויך דער האס ווידער אויפגעלעבט, אבער א דאנק דעם טאקטיק און פערהאלטען פון די אמת'ע אינטערנאציאנאליסטען איז דער גייסט אבגעשוואכט געווארען און מען האט פלאץ געמאכט פאר בעשליסע וואס האבען ווידער הויך אויפגעהויבען דעם סאציאליסטישען אידעאל.

א זעהר גרויסע בעדייטונג און ווערט פאר איצט און דער צוקונפט האט די קאנפערענץ געהאט פאר'ן יודישען פראלעטאריאט. א דאנק דעם קאמף און בעראוסטזיין פון דער יוד. ארבייטער־פארטיי פועלי־ציון איז דאס יודישע פראלעטאריאט אנערקענט און צום ערשטען מאל אפיציעל איינגעלאדען געווארען צו בעראטען מיט אלע פעלקער, אויך איבער דעם גורל פונ'ם יודישען פאלק. אלס פארטרעטער זענען געקומען די חברים בערל לאקער, לעא כאזאנאוויץ און חבר'טע מלכה לאקער.

חבר לאקער וועלכער האט אין א שארפער רעדע פראטעסטירט אנטקעגען די זלזולית פון די יודען און בפרט די פאגראמען אין פוילען און ער מאכט אויך פאראנטווארטליך די פוילישע סאציאליסטען, פארמרלירט די פאדערונגען צום אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט און פאדערט:

1) פולע בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג פאר די יודען אין אלע לענדער.

2) די פרייהייט פון דער איינוואנדערונג און פונ'ם באזעצען זיך פון די יודען אין אלע לענדער.

3) נאציאנאלע זעלבסטפערוואלטונג און נאציאנאלע גלייכבארעכטיגונג (אויפ'ן יסוד פונ'ם פערזאנאלפרינציפ.)

4) אנערקענונג פון א רעכט פון יודישען פאלק צום אויסבויען זיך א נאציאנאלהיים אין ארץ ישראל אונטער שוץ פונ'ם פעלקערבונד.

דאס איז געווען איינער פון די גרעסטע מאראלישע ערפאלגען פאר'ן יודישען פראלעטאריאט און אונזער פארטיי.

די קאנפערענץ האט ווייטער אויך אנגענומען זייער וויכטיגע בעשליסע וועגען אלגעמיינעם שלום און פעלקערבונד. צום סוף איז נאך אויסגעוועלט געווארען א קאמיסיע פון קארל קויטסקי, דר. פריעדריך אדלער און אנדערע וואס זאלען פארען קיין רוסלאנד שטודירען די פערהעלטניסע ביי די באלשעוויקען......

נ. הארוויץ.

---

## קארעספאנדענצען.

**אהזיראן:** אינטערעסאנט איז די היסטאריע ווי אזוי ס'איז ענטשטאנדען אין אונזער שטעטיל א ארגאניזאציע פועלי־ציון. אום חודש מאי אין יאהר ניינצען הינדערט אכצען האט זיך אדאנק דעם חבר משה היטניק אויסוויען מיט זיין אויסערארענטליכע ארגאניזאטארישע פעהיגקייטען דא אין דעם שטעטיל וואו מען גלייבט נאר אין יוחס און געלד, געגרינדעט "אבילדונגפעראיין" אהן אשום פאליטישען ציעל, מיט דער אויפגאבע גייסטיג צו ערציהען די יוגענד, צו דעם ציעל האט ער געגרינדעט איודישע ביבליאטעק פון צירקא דרייהונדערט ביכער פון די בעסטע וואס עקזיסטירען אין דער יודישער ליטעראטור.

נישט לאנג האט אבער דער פעראיין געקענט לעבען אהן אשום פאליטישער פארבי און נאך אקורצער צייט פון זיין עקזיסטירען, האבען זיך פונים פעראיין עטליכע קריגס־מיוחסים, וואס זייער גאנצער יחס בעשטעהט אין פולע טייסטערס, זיך געגרינדעט א "תקות ציון" פעראיין וועלכע זאגען צו דער ארימער בעפעלקערונג, וואס ליידען הונגער און נויט ביים ערשטען באהן און שיפיכ פארקעהר, צו ברענגען עטליכע וואגאנען באקסערן פון ארץ ישראל..... די גרעסערע צאהל פון הברים און חברישעם האבען זיך מיט חבר היטניק בראש געגרינדעט א "פועלי ציון" פעראיין, מיט דער אויפגאבע צו קעמפען פאר די ברייטע יודישע ארימע פאלקסמאסען וועלבע ווערען אויף א אכזריותידיגען אופן געדריקט פון אונזערע בעשטענדיגע כלל פערזארגער וועלכע זעגען נאר אויבען אונזערע טובות..... מ'שן חבר היטניקס אוועק פאהרען האט אונזער פעראיין באמת פערלוירען אגאר וויכטיגע קראפט, עס האט אבער לאנג נישט געדויערט, האבען מיר בעקומען דעם חשובין חבר יוסף געטער אוים משארטקוב, וואס ס'איז גאר נישט מעגליך אבצישעצען — אין די פינף וואכען וואס ער ארביים אין אונזער פעראיין — וויפיל ענערגישע קראפט, ער פערווענדעט פאר אונזער ארגאניזאציע: קודם כל גיט ער פאר די חברים דריי מאל אין וואך קורזען פון יודיש שרייבען און לעזען, אקורז איבער סאציאליזם און איבער יודישע ליטעראטור, פרייטיג און שבת האלט ער אב עפענטליכע פאפולערע פארטרעגע, ער האט אויך געגרינדעט א דראמאטישען קלוב, וואס זיין אויפגאבע איז צו פערשפרייטען צווישען די חברים דאס פערשטענדניס פאר קונסט. ס'איז אויך געגרינדעט

דער יוד דראם. קלוב אין משארטקוב ווינשט א הארציגען מזל טוב זיין חבריטע פייגע רימעל צו איהר פערלאבונג מיט הערן נתן היציגנער.

משארטקוב אים פעבער 1919.

---

די פאמיליע זילבערמאן גראטולירט דאס פרל. ביימער צו איהר פערלאבינג מיט הערן פוהרער.

משארטקוב אים פעבער 1919.

---

מיין פריש בעקאנטער חבריטע ביימער טרים שיק איך א הארציגען מזל טוב צו איהר פערלאבונג מיט הערן פוהרער. אין איהר רייכער צוקונפט זאל זי נישט פערגעסען אז זי שטעהט אונטער דער פאהן פון פועלי ציוניזם.

איינער פונים קאנטום.

משארטקוב אים פעבער 1919.

---

ישראל רימעל ווינשט א הארציגען מזל טוב זיין שוועסטער פייגע צו איהר פערלאבונג מיט הערן היציגנער נתן.

משארטקוב אים פעבער 1919.

---

ישראל לאנגערמאן ווינשט א הארציגען מזל טוב פייגע רימעל צו איהר פערלאבונג מיט הערן היציגנער נתן.

משארטקוב אים פעבער 1919.

---

דער יוד. נאצ. דעמ. פעריין אין קאפעטשינצע גראטולירט זיין חבר קאץ צו זיין פערלאבונג מיט פרל. אדעלא זיילער.

קאפעטשינצע אים מערץ 1919.

---

דער יוד. נאצ. דעמ. פעריין אין קאפעטשינצע גראטולירט זיין חבר יהודה ווייסגלאס צו זיין פערלאבונג מיט פרל. ראזא בראנדעס.

קאפעטשינצע אים מערץ 1919.

---

ינמונד געלמאן. — הדפסת מ. מארגוליעס משארטקוב.

# גראטולאציעס און אנציגען.

פערל גאלדמאן — משה בערמאן

פערלאבטע

קאלאמעא — יעזערזאנע

אים פעבער 1919.

---

דער פעריין פועלי ציון אין יעזערזאנע גראטולירט הארציג זיין אבמאן משה בערמאן צו זיין פערלאבונג מיט פרל. פערל גאלדמאן פון קאלאמעא.

יעזערזאנע אים פעבער 1919.

---

דער פעריין פועלי ציון אין טשארטקוב גראטולירט דעם חבר יהושע פלעשנער צו זיין פערלאבונג מיט פרל. רינגער און חברישע ביימער מרים, צו איהר פערלאבונג מיט הערן פוהרער.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

ברכת חטה ונלבבת לחברותנו היקרות לרגלי ארוסיהן

דבורה זיינפעלד עם בנימין דוהל — רייזעל אייזנער עם ישראל פינקעל

לינא יעגענדארף עם י. אויערבאך — רודיע לאנדע עם משה העללער

פייגע בראנדע עם איתמר בראנדע — פייגע ריטטעל עם נתן היציגגער

רבקה גאטענבאויער עם אמאראנט.

אגדת בנות ציון.

טשארטקוב אדר תרעט.

---

דער יוד. דראם. קלוב אין טשארטקוב ווינשט א הארציגען מזל טוב זיין חברישע גאטענבויער צו איהר פערלאבונג מיט הערן יצחק אמאראנט.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

דער יוד. דראם. קלוב אין טשארטקוב ווינשט א הארציגען מזל טוב זיין חברישע מרים ביימער צו איהר פערלאבונג מיט הערן פוהרער.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

דער יוד דראם. קלוב אין טשארטקוב ווינשט א הארציגען מזל טוב זיין חברישע פייגע ריטעל צו איהר פערלאבונג מיט הערן נתן היציגגער.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

געווארען; א קראנקענקאסע און א ארבייטסלאזען אונטערשטיצונגספאנד.—
בכלל האט דער חבר געטער אסך לעבען אריינגעבראכט אין אונזער ארגאניזאציע, וואס בעשטעהט היינט פון הונדערט פיפציג מיטגלידער און בילדעט א שטארקע קראפט אין אונזער שטאט.

מיט א עפענטליכער פערזאמלונג האבען מיר געשמירצט דעם אלטען נאציאנאלראט, איבער וועלכען מיר וועלען זיך באריכות אין אצווייטען בעריכט אבשטעלען.....

מיר האבען אויך געמאכט א טעאטער-אווענד, וועלכער האט געבראכט רייניגערטראג דריי טויזענד קר. פון וועלכע מיר האבען מיט אגרויסען טהייל אונטערשטיצט די ארימע בעפעלקערונג.

משה בערמאן.

---

פונ׳ם היגען נאציאנאלראט בעקומען מיר פאל־גענדע מודעה:

מווערט בעקלאגט, אז די יודישע סוחרים פער־מייערן שטארק די סחורה פונ׳ם טאג טעגליכען בע־דארף דורך שטארקע פרייזשטייגערונגען, זייענדיג אפילו איבערציינגט, אז די קלאגען זענען לחלוטין נישט בע־גרינדעט און אז דער יקרות האט זיין סבה אין דער שטייגערונג פון די פראדוקציאנסקאסטען, בעשרענקונ־גען פונ׳ם מסחר און אין די שוועריגקייטען די סחרה צו בעקומען, פאדערט דער נאציאנאלראט די יודישע סוחרים אויף, די פרייזען ביים פערקויף פון ארטיקלען פונ׳ם טעגליכען בעדארף אויף אזא אופן פעסטצוזעצען און זיך אזוי אים אינטערעס פונ׳ם גאנצען היגען כלל איינצוריכטען, אז ס׳זאל פערמידען ווערען אפילו דער שיין פון פרייזטרייבערײ.

---

שבת דעם 8 זייגער 2 נאכמיטאג וועט זיין א פארלעזונג „יודישע שפיצען" פון דר. אויזערקעס.


Zahntechnisches — Atelier

**ADOLF PLUSSER**

Ringplatz, im Hause M. Sonnenschein wurde wieder eröffnet.

ווייר עמפפעהלען אונזער פיין אסארטירטעס לאגער צור פריהלינגססעזאן אן כאסטים—וואלל־ אונד זיידענשטאפפען אללער ארט. סאלידע בעדיענונג.

**האנדשוה & ברוקמייער**

טשארטקוב. (אים הויזע האטעל בריסטאל)

**חברים זאמעלט פרעספאנד!!!**


# גראטולאציעס און אנציגען.

---

פערל גאלדמאן — משה בערמאן

פערלאבטע

קאלאמעא — יעזערזשאנע

אים פעבער 1919.

---

דער פעריין פועלי ציון אין יעזערזשאנע גראטולירט הארציג זיין אבמאן משה בערמאן צו זיין פערלאבונג מיט פרל. פערל גאלדמאן פון קאלאמעא.

יעזערזשאנע אים פעבער 1919.

---

דער פעריין פועלי ציון אין טשארטקוב גראטולירט דעם חבר יהושע פלעשנער צו זיין פערלאבונג מיט פרל. רינגער און חברישע בייטער מרים, צו איהר פערלאבונג מיט הערן פוהרער.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

ברכת חמה ונלבבת לחברותנו היקרות לדגלי ארוסיהן

דבורה זיינפעלד עם בנימין דוהל — רייזעל אייזנער עם ישראל פינקעל

לינא יעגענדארף עם י. אויערבאך — רודיע לאנדע עם משה העללער

פייגע בראנדע עם איתמר בראנדע — פייגע ריטטעל עם נתן היצינגער

רבקה גאטטענבאויער עם אמאראנט.

אגדת בנות ציון.

טשארטקוב אדר תרעט.

---

דער יוד. דראמ. קלוב אין טשארטקוב ווינשט א הארציגען מזל טוב זיין חברימע גאטטענבויער צו איהר פערלאבונג מיט הערן יצחק אמאראנט.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

דער יוד. דראמ. קלוב אין טשארטקוב ווינשט א הארציגען מזל טוב זיין חברימע מרים בייטער צו איהר פערלאבונג מיט הערן פוהרער.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

דער יוד דראמ. קלוב אין טשארטקוב ווינשט א הארציגען מזל טוב זיין חברימע פייגע ריטעל צו איהר פערלאבונג מיט הערן נתן היצינגער.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

די פאמיליע זילבערמאן גראטולירט דאס פרל. בייטער צו איהר פערלאבינג מיט הערן פוהרער.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

מיין פריש בעקאנטע חברימע בייטער מרים שיק איך א הארציגען מזל טוב צו איהר פערלאבונג מיט הערן פוהרער. אין איהר רייכער צוקונפט זאל זי נישט פערגעסען אז זי שטעהט אונטער דער פאהן פון פועלי ציוניזם.

איינער פונים קאנטום.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

ישראל ריטעל ווינשט א הארציגען מזל טוב זיין שוועסטער פייגע צו איהר פערלאבונג מיט הערן היצינגער נתן.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

ישראל לאנגערמאן ווינשט א הארציגען מזל טוב פייגע ריטעל צו איהר פערלאבונג מיט הערן היצינגער נתן.

טשארטקוב אים פעבער 1919.

---

דער יוד. נאצ. דעמ. פעריין אין קאפעטשינצע גראטולירט זיין חבר קאץ צו זיין פערלאבונג מיט פרל. אדעלא זיילער.

קאפעטשינצע אים מערץ 1919.

---

דער יוד. נאצ. דעמ. פעריין אין קאפעטשינצע גראטולירט זיין חבר יהודה ווייסגלאס צו זיין פערלאבונג מיט פרל. ראזא בראנדעס.

קאפעטשינצע אים מערץ 1919.

ארויסגעבער און פעראנטווארטליכער רעדאקטער דר. זיגמונד בעלמאן. — דרוקעריי מ. מארגוליעס טשארטקוב.

נומר. 5. טשארטקוב, דעם 14. מערץ 1919. 1. יאהרגאנג.

דער אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: „פועלי ציון“ טשארטקוב.

פרייז 80 ה. גראטול. און פערל. אנציינע 10 ק.

# די קראפט

(Ді Крафт) ערשיינט יעדען פרייטיג. (Die Kraft)

## וואס וועט זיין דער סוף?

נעפאלען זענען די טראהנען פון האבסבורגער, ראמאנאווס און האהענצאלערן. מיט אשרעסליך געקראך זענען איינגעשטירצט די פתם און רעמסס, וועלכע די אייראפעאישע פרעה׳ס האבען זיך אויסגעבויט מיט׳ן מארך און בלוט פון זייערע פארשקלאפטע פעלקער;— פאלענדיג אבער האבען זיי נישט נאר באגראבען אונטער זיך די פאר׳שכור׳טע נבוכדנצר׳ס, נאר אויך געטראפען די קעפ פון די, אויף וועמענס פלייצעס זיי זענען געשטאנען, אויף די קעפ פון די געפלאגטע פעלקער אליין.

מזרח-אייראפא טרענקט זיך אין זיין אייגען בלוט. נישט אזוי לייכט איז אויסצוקארנעווען דאס, וואס בלוט געזאלבטע מלכים געוויסענסלאזע דיפלאמאטען און באצאהלטע פאעטען האבען יאהרהונדערט לאנג געזייעט אין די הערצער פון דער מענשהייט — און דאפאר זעהען מיר טאקי נאך היינט ווי בלוטיג עס ווילדעוועט די פעלקערשנאה דוקא אין דעם טייל פון אייראפא, וואו די באפרייטע פעלקער וואלטען זיך אמגיכסטען געקענט געבען די הענד צום א גערעכטען שלום!

וואו-זשע איז דער אויסוועג? אפשר צוריק צום אלטען „סדר“?

מיר צווייפלען נישט אין אויגענבליק, אז פריהער אדער שפעטער וועלען די פעלקער דאך איינזעהען, אז נישט אין קעגענזייטיגער בארויבונג און שנאה ליגט זייער צוקונפט, נאר אין א בשתפות׳דיגען, פרידליכען צוזאמענלעבען, אבער נישט נאר אין די בעציהונגען צווישען די פעלקער אליין מוז קומען א שנוי!

אויך אין דעם ווירטשאפטליכען און סאציאלען לעבען פון יעדען פאלק באזונדער מוז געמאכט ווערען א טיפע פאראנדערונג.

די אלטע ארדנונג, וואס גרינדעט זיך אויף אלגעמיינעם מאסענעלענד און גרעניצלאזען רייכטום און וואוילטאג פון א מחנה פאנסקע צאפים און געשיקטע שפעקולאנטען, אזא ארדנונג וועט די וואונדען פונ׳ם בלוטיגען קריג קיינמאל נישט אויסהיילען!

א אנדערע ארדנונג מוז קומען, וואס מאכט אוממעגליך נישט בארעכטיגטע עקזיסטענצען און צווינגט אלע אין גלייכער מאס צו טיילען די ליידען און פריידען פון די לעבענסמעגליכקייטען פונ׳ם פאלק.

ווי שווער דאס זאל נישט זיין צו דערגרייכען און ווי אונאנגענעהם עס איז פאר די באטרעפענדע — אזוי וועט עס סוף־כל־סוף געשעהען און די ברונזשע מיוחסים וועלען זיך גאר גיך מוזען געפאסט מאכען מיט׳ן געדאנק, אראבצונידערען פון זייערע געלדזעק און זיך צוגעוויינען צו ניצליכער ארבייט.

אנדערש וועלען די וואונדען פונ׳ם קריג נישט פארהיילען, אנדערש וועט עס קיינמאל נישט קומען צו קיין ארדנונג און קיין רוה!

איבערבוי פון דער סאציאלער און ווירטשאפטליכער ארדנונג אלזא — דאס איז איצט די איינציגע רעטונג פאר די אויסגעזויגטע און אבגעמוטשעטע פעלקער און בפרט פאר אונז יודען.

עס איז א טרויריגער אמת, אז, אחוץ יענע יודישע עקזיסטענצען, וואס גרינדען זיך פונקט ווי ביי די הערשענדע קלאסען פון אנדערע פעלקער אויף דער קאפיטאליסטישער מאסענאויסבייטונג, איז גאר אגרויסער טייל פון די יודישע פרנסות נישט קיין געזונטער, נישט קיין באדענשטענדיגער!

די איבערגרויסע צאהל פון יודישע קרעמערס, סוחרים מעקלערס און לופטמענשען איז קיינמאל נישט געווען קיין געזונטע ערשיינונג, ווייל די דאזיגע עקזיסטענצען

זענען נישט נעווען פארבינען מיט די אלגעמיינע ווירטשאפטליכע באדערפענישען פונ'ם לאנד. דא, אין מזרח־גאליציען, האט אבער דער קריג אין א נעצייהלטע פאר יאהר אויפגעטהין דאס, וואס אין נארמאלע צייטען וואלט עס נאר נעהענט געשעהן אין עטליכע יאהרצעהנטען: מיט איין קלאפ זענען לחלוטין ציששטערט געווארען צעהנער־טויזענדער יודישע עקזיסטענצען!

אגוטע העלפט פון דער יודישער דארפבאפעלקערונג איז נאקעט און בארוויס אנטלאפען אין די שטעט, וואו זי פארמעהרט אצינד די צאהל פון מעכלערס און לופטמענשען.

די שטעט אבער זענען נישט מעהר ווי חורבות אליין גארנישט ערציינענדיג בלייבענדיג אנגעוויזען אויף נישט - בנמצא'דיגע סחורות פונ'ם אויסלאנד, יאגען זיך גאנצע מחנות יודען פון אלע בערופסצווייגען ווי די פארסם'טע מיזז פון איין שטאט אין דער אנדערער אונטער די גרעסטע לעבענסגעפאהרען געלינגט אפשר איינעם פון טויזענד ארויסצוגעפונען א שטיקעל פארבארגענע סחורה, אדער עפים אריבערצופעהלען איבער דער גרעניץ — דער רוב אבער הערט פערצווייפעלט צוריק אהיים און עס בלייבט איהם נישט קיין אנדערע ארסזיכט, ווי אויפצוצעהרען דאס ביסעל גרייטע געלד און בלייבען א בעטלער.

פארשטייט זיך, אז ביי אזעלכע פארהעלטענישען איז אויך די לאגע פונ'ם יודישען ארבייטער און האנדווערקער נישט היין גלענצענדע, גאנצע בערופע זענען כמעט אהן ארבייט און ברויטלאז און אויך מיט זיי

א גאנצע צאהל פון אדוואקאטען, שטאטס - און פריוואטבעאמטען און אנגעשטעלטע.

וואס־זשע וועט זיין דער סוף? וואס טהיען מיר פאר דער פארבעסערונג פון אונזער לאגע?

אט די דאזיגע שאלה פרעגען מיר טאקי אלע די, וואס זיצען און אלע יודישע שטעטלאך ביז ארויף צו דער הויפטשטאט סטאניסלוי און אונזערע נאציאנאלרעטע און האבען טייסטענטיילס נישט קיין אנדערע דאגות ווי קליינע פערזענליכע סכסוכים און פרינערייען איבערן פעריעהריגען שני און אצייט ווען דאס מזרח - גאליציישע יודענטום שטעהט פאר א שרעקליכער קאטאסטראפע.

י. טשרטקובסקי

---

## פארטיי מיטטיילונגען.

### א פראוויזאריש פארטיי סעקרעטאריאט אין סטאניסלאו.

די צערווארפענקייט פין אונזערער ארגאניזאציעס און דער מאנגעל פון יעדוועדער פערבינדונג צווישען זיי איז ביזאיצט געווען א שטארק הינדערניש פאר אונזער פאליטישער און ארגאניזאטארישער ארבייט אונזערע סטאניסלויער חברים האבען דערפאר אויסניצענדיג די אנוועזענהייט פון חבר גאלדעלמאן און עטליכע האלאמייער און סטריער חברים אבגעהאלטען דינסטאג דעם 4. מערץ א בעראטונג אויף וועלכער עס איז בעשלאסען געווארען צו שאפען א פראוויזארישען פארטייסעקרעטאריאט פאר דער מערב־אוקראאינע, אין סטאניסלאוו און א חוץ דעם א פראוויזארישען

## נייעס פון אונזער בעוועגונג.

ח' דר. יצחק שיפער איז געוועהלט געווארען צום מיטגליד פון דער פוילישען קאנסטיטואנטע.

דער ערשטער יודישער סאציאליסט אין דער פוילישער קאנסטיטואנטע שטעהט זייט די יונגסטע יאהרען אין אונזער פארטיי.

ער איז אייבער פון די בעדייטענדסטע יודישע געשיכטשרייבערס, בפרט האט איהם דאס יודיש־עקאנאמישע לעבען אין זיין געשיכטליכער ענטוויקלונג אינטערסירט. אייגס פון זייגע וויכטיגסטע ארבייטען זענען די סטודיען איבערן ווירטשאפטליכען לעבען פון די יודען אין מערב־אייראפא און איבער די אנפענגע פון דער יודישער עקאנאמיק אין פוילען.

ח. דר. שיפער איז פון די בעסטע קענער פון דער יודישער ליטעראטור. זייגע ארטיקלען פון דעם געביט זענען צערשפריים כמעט אין אלע יודישע זשורנאלען.

אלס אייגער פון די בעסטע גייסטרייכסטע רעדנער, האט ער דורך זייגע רעדען תמיד א התלהבות ביי די מאסען ארויסגערופען. בעריסט זענען זייגע רעדען אויף די פארטייטעג געווען בפרט זיין רעפעראט איבער אונזער קולטורארבייט אופן לעצטען פארטייטאג און זיין הספד נאך בארוכאוון אויף דער קאנפערענץ, וועלכע איז אבגעהאלטען געווארען פאר צוויי יאהרען אים דעצעמבער אין קראקא.

דאס שטאקהאלמער פערבאנד־ביורא פון אונזער וועלטארגאניזאציע האט אלע לאנדעס־פארטייען איינגעלאדען צו א בעראטונג בשעת דער אינטערנאציאנאלער קאנפערענץ קיין לוזאן. אופן סדר היום שטעהען פאלגענדע פונקטען: די פארמולירונג פון אונזערע פארדערונגען צו דער סאציאליסטישער פרידענסקאנפערענץ, דאס שטעלונגנעמען צו אלגעמיין־פאליטישע פראגען, דאס צוזאמענרופען פון א וועלטקאנגרעס פון יודישע ארבייטער און פונ'ם גאנצען יודענטום.

ח. קאסיל הויסמאנס האט אלס רעפרעזענטאנט פון דער אינטערנאציאנאלע אונזער אלוועלטליכען פועלי־ציון פערבאנד איינגעלאדען צו דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטען קאנפערענץ אין לוזאן.

מיט גרויס פרייד גיבען מיר די פארטיי־חברים בעקאנט אז אין סטאניסלוי האט ווידער אנגעהויבען צו ערשיינען אונזער צענטראלארגאן. „דער יודישער ארבייטער" אלס פעראנטווארטליכער רעדאקטער צייכנעט דאס בלאט ח. דר. ס. נייבויער.

אונזערע חברים אין קאלאמאי גיבען ארויס א וואכענבלאט „די נייע צייט" דאס נייע פארטייארגאן מאכט א גאר גוטען רושם. א הארציגען ישר־כח רופען מיר צו אונזערע קאלאמאיער חברים.

אין וויען הייבען אונזערע חברים אן ארויסצוגעבען א וואכענשריפט אין דייטשער שפראך אונטער דעם נאמען „פרייהייט" דאס נייע פארטיי ארגאן האט דעם חוב צו אינפארמירען די דייטשע עפענטליכקייט איבער אונזער סאציאליסטישע און יודישע פארדערונגען.

פארטייראט, און פארטייסעקרעטאריאט געהען אריין די חברים דר. וואכמאן אלס סעקרעטער, און די חברים צעלטער שוסהיים, ענגעל און ראזענטאל. אין פארטייראט געהערט דאס פארטייסעקרעטאריאט זאין א חוץ דעם צו 1 חבר פון די קרייזקאמיטעטען טשארטקוב, קאלאמאי, סטאניסלאוו, ברזעשזאני, סטרי טארנאפאל און זלאטשאוו. דער פארטייסעקרעטאריאט הויבט אן זיין טעטיגקייט זונטאג דעם 9 מערץ זיין אדרעס איז פארלייפיג: איזאק דאזענטהאל סטאניסלאוו באראנג הירשנאס 12.

---

## קארעספאנדענצען.

כאראסטקוב: אין אונזער שטעטיל האט זיך ב"ה אנגעהויבען א ביסעל לעבען. דער „פועלי ציון" פעריין האט זיך ניי ארגאניזירט און עס איז צו האפען אז ער וועט זיין לעבענספעהיג, ער האט שוין היינט אן ערך פון 100 מיטגלידער און ענטוויקעלט א שענע טעטיגקייט. צעירי ציון און השומר זענען אויך תחיית המתים אויפגעשטאנען. אלס הילפסמיטעל נעגען דער שרעקליכען לאנגווייליע דיענט דער דראמאטישער קלוב דארט קען מען זיך נאר גוט אמיזירען.

אין פאליטיק שלאפט אויך נישט יענע נואך האבען זיך צונויפגענומען 15 מענשען בהסכם מורה מורינו און האבען איבערגענומען די קולטוסגעמיינדע און האבען זיך אנגענומען נענעבען נאציאנאלראט. זיי האבען עס נישט אפילו פאר נייטיג געהאלטען א פאלקספערזאמלונג איינצורופען און עמיצען לכל הפחות פרעגען אדעה. נאר דער רב האט נעפסקט אז ס'איז כשר והכל שריר וקיים. אינזער פעריין האט פראטעסטירט אנטקעגען אזא אונדעמאקראטיש פארגעהען; די נייע ארונים ווילען אויף אונזער פראטעסט נישט הערען. זיכער איז אז מיר וועלען זיי גוט אויף די פינגער קלאפען.

פלוני אלמוני.

---

קאפיטשינייץ: מיטוואך דעם 5. מערץ איז דא געווען חבר גלאזער פון טשארטקוב און זיין ערשטע ארבייט איז געווען צוזאמען צורופען א פערזאמלונג פון עטליכע און צוואנציג מיטגלידער, און פאר זיי אגיטירט זיי זאלען זיך גרינדען א פועלי ציון פעריין דער חבר הארנזייז האט די חברים אין א פארטראג ערקלערט אויף וואס פאר א אופן זיי זאלען זיך ארגאניזירען. שבת דעם 8 האט חבר גלאזער צוזאמענגערופען אגענעראלפערזאמלונג ס'איז געווען א ערך פון א 40 חברים און חבר'טעם אויף וועלכער ס'האט זיך נעפינען דער חבר דר. שוואנער אוים זלאטשוב און האט אבגעהאלטען אפארטראג איבער סאציאליזם און פועלי ציוניזם. ס'איז דא צו האפען אויף אשיינער טעטיגער ארגאניזאציע.

---

בילאנץ פונים יוד. ארבייטער קאנזום רעג. געז.
מ. ב. ה. פונים 28/9 — 10/12 1919.

| נר. | | בילאנץ קאנטא: זאל (ה.) | בילאנץ קאנטא: זאל (קר.) | בילאנץ קאנטא: האבען (ה.) | בילאנץ קאנטא: האבען (קר.) | סאלדא קאנטא: זאל (ה.) | סאלדא קאנטא: זאל (קר.) | סאלדא קאנטא: האבען (ה.) | סאלדא קאנטא: האבען (קר.) |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | אנטייל קאנטא 12‖3-1‖3 | — | 250 | — | 20380 | | | — | 20130 |
| 2 | סחורה " " " | 92 | 216336 | 84 | 213454 | 08 | 2882 | | |
| 3 | קרעד. " " " | — | 17100 | | 18900 | | | | 1800 |
| 4 | טימע " " " | — | 600 | | | — | 600 | | |
| 5 | שפעזין " " " | 20 | 5103 | | | 20 | 5103 | | |
| 6 | סאלאיר " " " | — | 9500 | | | — | 9500 | | |
| 7 | מצות " " " | | | — | 8530 | | | — | 8530 |
| 8 | קאסא פאראט | 72 | 12374 | | | 72 | 12374 | | |
| 9 | בילאנץ קאנטא | | | 57 | 26923 | | | | |
| | | 41 | 288188 | 41 | 288188 | — | 30460 | — | 30460 |

אינווענטאר אויפגענעמען 28. פעבער 1919.

| נר. | אקטיוו | ה. | קר. | נר. | פאסיוו | ה. | קר. |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | באר געלד | 72 | 12374 | 1 | אנטייל קאנטא | — | 20130 |
| 2 | סחורה | 54 | 19723 | 2 | קרעדיטארין קאנטא | — | 1800 |
| 3 | סאבילען (איינריכטונג) | — | 1225 | 3 | מצות קאנטא | — | 8530 |
| 4 | קויציאן פעסער | — | 200 | | | | 30460 |
| 5 | כוכפארדערונגען | — | 290 | | רייגגעווין לויט רעקאפיט. | 26 | 3353 |
| | | 26 | 33813 | | | 26 | 33813 |

רעקאפיטולאציאן

| | |
|---|---|
| אקטיוו | 33813·26 |
| פאסיוו | 30460 — |
| רייגגעווין | 3353·26 |

# גראטולאציעס און אנצייגען.

---

**משה זאמער** פראבוזנא

**פערלאבטע**

**אדעלא ראטענשטרייך** טשארטקוב

אים מערץ .1919

---

**ישראל פליישער**

**פערלאבטע**

**עטל שאר**

טשארטקוב אים מערץ .1919

---

דער פעריין פועלי ציון אין טשארטקוב שיקט א הארציגען מזל טוב זיין חבר משה טייפער צו זיין חתנה מיט חבר'יתע לאה שעכנער.

טשארטקוב אים מערץ .1919

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער שוועסטער רבקה שעכטער מיט הערן פחוס הירש פיינגאלד ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט געשוויסטער שעכטער.

טשארטקוב אים מערץ .1919

---

דער יוד. סאצ. דעמ. פעריין פועלי ציון אין מילניצע גראטולירט זיין חבר שלום משה בליצער צו זיין פערלאבונג, און שפענדעט אוים דעם אנלאס 110 ק. פאר דער ביבליאטעק

מילניצע אים פעבער .1919

---

זיסיע און ברוך עלינג גראטולירען הארציג זייער קוזינע מרים ביימער צו איהר פערלאבונג מיט הערן פוהרער.

טשארטקוב אים מערץ .1919

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער פריינדין לילא קאוואלעק מיט הערן פאביאן בלייך גראטולירט פויטע קאהן און שוועסטער רעגינא רייך.

טשארטקוב אים מערץ .1919

---

מרדכי פייערשטיין און זיין כלה אסתר ליגיאל שיקען א הארציגען מזל טוב זייער שוועסטער פייערשטיין צו איהרע תנאים מיט ישראל עפשטיין.

טשארטקוב אים מערץ .1919

---

משה לערנער גראטולירט הארציג זיין חבר משה זאמער פון פראבוזנא צו זיינע תנאים.

הוסיאטין אים מערץ .1919

---

משה זאמער גראטולירט זיין שוועסטער קלארא זאמער צי איהר פערלאבונג מיט הערן יהודה מאזנער.

פראבוזנא אום פעבער .1919

---

זאב שואם שיקט א הארציגען מזל טוב זיין חבר משה זאמער צו זיין פערלאבונג מיט פרל. אדעלא ראטענשטריוך אוים טשארטקוב.

פראבוזנא אים מערץ .1919

---

אנחנו מברכים בברכת מזט את חברנו מר משה זאמער מפראבוזנא לארוסתו עם מרת אדעלא ראטענשטרייך מטשארטקיב. יצחק נייטאן אליעזר סקאלקא

פראבוזנא בחודש מערץ .1919

# גראטולאציעס און אנצייגע.

משה זאמער — פראבוזנא
פערלאבטע
אדעלא ראטענשטרייך — טשארטקוב
אים מערץ 1919.

---

ישראל פליישער
פערלאבטע
עטל שאר
טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

דער פעריין פועלי ציון אין טשארטקוב שיקט א הארציגען מזל טוב זיין חבר משה טייפער צו זיין חתנה מיט חבריתע לאה שעכנער.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער שוועסטער רבקה שעכטער מיט הערן פתוס הירש פיינגאלד ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט געשוויסטער שעכטער.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

דער יוד. סאצ. דעמ. פעריין פועלי ציון אין מילניצע גראטולירט זיין חבר שלום משה בליצער צו זיין פערלאבונג, און שפענדעט אויס דעם אנלאס 110 ק. פאר דער ביבליאטעק

מילניצע אים פעבער 1919.

---

זיסיע און ברוך עלינג גראטילירען הארציג זייער קוזינע מרים ביימער צו איהר פערלאבונג מיט הערן פוהרער.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער פריינדין לילא קאוואלעק מיט הערן פאביאן בלייך גראטולירט פויטע קאהן און שוועסטער רעגינא רייך.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

מרדכי פייערשטיין און זיין כלה אסתר ליניאל שיקען א הארציגען מזל טוב זייער שוועסטער פייערשטיין צו איהרע תנאים מיט ישראל עפשטיין.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

משה לערנער גראטולירט הארציג זיין חבר משה זאמער פון פראבוזנא צו זייבע תנאים.

הוסיאטין אים מערץ 1919.

---

משה זאמער גראטולירט זיין שוועסטער קלארא זאמער צו איהר פערלאבונג מיט הערן יהודה מאזנער.

פראבוזנא אום פעבער 1919.

---

זאב שוואם שיקט א הארציגען מזל טוב זיין חבר משה זאמער צו זיין פערלאבונג מיט פרל. אדעלא ראטענשטריך אוים טשארטקוב.

פראבוזנא אים מערץ 1919.

---

אנחנו מברכים בברכת מזל טוב את חברנו מר משה זאמער מפראבוזנא לארוסתו עם מרת אדעלא ראטענשטרייך מטשארטקיב. יצחק גייסאן אליעזר סקאלקא

פראבוזנא בחודש מערץ 1919.

---

ליפע גייפעלד שיקט א הארציגען מזל טיב זיין חבר משה זאמער צו זיין פערלאבונג מיט פרל. אדעלא ראשענשטרייך אוים טשארטקוב.

פראבוזנא אים מערץ 1919.

---

דער ציון פעריין השחר אין פראבוזנא גראטולירט הארציג דעם חבר משה זאמער צו זיין פערלאבונג מיט פרל. אדעלא ראטענשטרייך אוים טשארקוב.

פראבוזנא אים מערץ 1919.

---

יהודה נעבעל און חיים פייערבערג גראטולירען הארציג זייער חבר משה זאמער צי זיין פערלאבונג מיט פרל. אדעלא ראטענשטרייך אוים טשארטקוב.

פראבוזנא אים מערץ 1919.

---

אברהם רונגעל גראטולירט הארציג זיין חבר משה זאמער צו זיין פערלא־בונג מיט פרל. אדעלא ראטענשטרייר.

פראבוזנא אים מערץ 1919.

---

משה האנדשוה און פרוי ווינשען א הארציגען מזל טוב זייער פעטער און מימע שווארץ צי די תנאים פון זייער ערשטען קינד.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

משה האנדשוה און פרוי גראטולירען הערצליכסט זייער קוזינע צילי שווארץ מיט הערן דוד גאלדשטיין.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

גאלדה זאמער מיט איהר חתן יהודה מאזנער שיקען א הארציגען מזל טוב זייער ברודער משה זאמער צו די תנאים מיט פרל. אדעלא ראטענשטרייך.

פראבוזנא אים מערץ 1919,

---

צו דער חתנה פון זייער חבר משה טייפער מיט פרל. לאטי שעכנער שיקען א הארציגען מזל טוב וואלף קימעלמאן און שבתי ראסט.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

## חברים זאמעלט פרעספאנד !!!

Zahntechnisches — Atelier

**ADOLF PLUSSER**

Ringplatz, im Hause M. Sonnenschein wurde wieder eröffnet.

וויר עמפפעהלען אונזער פיין אסארטירטעס לאגער צור פריהלינגססעזאן אן קאסטים־וואלל־ אונד זיידענשטאפפען אללער ארט. סאלידע בעדיענונג.

**האנדשוה & ברוקמייער**

טשארטקוב. (אים הויזע האטעל בריסטאל)

אלע אבאנענטען ווערען אויפמערקזאם געמאכט אז פון היינט אן וועט חבר טאקער די ציטונג זיי צושטעלען. פאר דער אדמיניסטראציע יוסף יענער.

---

צו דער הייניגער נומער גיבען מיר די סאטיריש־ליטערארישע ביילאגע **דער „קנייפער“**

ארויסגעבער און פעראנטווארטליכער רעדאקטער דר. זיגמונד נעלמאן — דרוקעריי מ. מארגוליעס טשארטקוב.

נומר. 6. טשארטקוב, דעם 21. מערץ 1919. 1. יאהרגאנג

דער אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: „פועלי ציון" טשארטקוב.

פרייז 80 ה. גראטל. און פערל. אנצייגען 10 ק.

# די קראפט

(Die Kraft) ערשיינט יעדען פרייטאג. (Дi Крафт)

## וואס מיר ווילען...

מיר ווילען אונטערשטיצען דעם יודישען ארבייטער אין זיין שוין פאהאנדענעם אדער קומענדיגען קאמף פאר זיין קיום. לעת עתה דא אין לאנד און אז די צייט וועט קומען, און ס'וועט נויטיג זיין, אין אונזער אלט-ניי-היים אין ארץ ישראל. נור אמענש מיט פערבלענדזעטע אויגען, העז אדער וויל נישט זעהען, אז דעם יודישען פאלק נעהט אהענען אשארפער קאמף. אין וואס בעשטעהט ער?

דאס 19. יאהרהונדערט האט צוויי גרופען איינזייטיג ענטוויקעלט און צו הויכער קולטור געבראכט: די שפעקולאטיווע געוואלטמאכט פונ'ם גרויסען קאפיטאל, און די מאטעריעלע אבער אויך רעאלע קראפטמאכט פון דער ארבייט. מיט הילף פונ'ם פאליציישטאט איז עס מעגליך געוועזען ביז איצט די מאכט פון דער מאכט צו אונטערדריקען.

דער פאליציישטאט ליגט צישמעטערט אויף דר'ערד און מיט איהם איז די הערשאפט פונ'ם קאפיטאל פערשוואונדען.

נור א בלינדער זעהט דאס נישט, נור א אונוויסענדער פערשטעהט דאס נישט! ווי זענען ערגייז די צייטען, ווען דער וועקסעל האט געהערשט, דער העכסטער אויסדרוק פון קאפיטאליסטישער ענטוויקלונג? ווי זענען די צייטען, ווען דער בעזיץ פון גרונד און באדען איז געוועזען אזוי ווניג געשעצט ווענגעז דער שווערער מעגליכקייט פון אזא מין פערמעגען? היינט איז דער ווערט פון די באנקנאטען, שוין נישט זעהר ווייט פון זייער פאפירווערט. דענקט מען נור די מעגליכקייט צו ענדע, זעהט מען שוין די ווערטע פערענדערט, אויפ'ן אופן פונ'ם ענטווערטעטען קאפיטאל קענינט אלס הערשערין די ארבייט. קאנסעקווענט מוזען מיר זאגען, אז אויף יענע פעלהער ווארט א גרויסע צוקונפט. וועלכע האבען רייכע קוועלען פון פראדוקטיווער ארבייטסמעגליכקייט. צו אט אדי פעלקער געהערט דאס יודישע פאלק דערווייל נישט.

מיר קענען אפילו מיט יזטאלי' אנווייזען, אויפ'ן פארהאנדענזיין פון אשטארק ענטוויקעלטען יודישען האנדווערקערשטאנד. די פון יודישע פאבריקסארבייטער. געווערד אויך וואס אמאל גרעסער, אבער אנגעהויער גרויס, איז נאך די צאהל פון יענע וואס זייער עקזיסטענץ בעשטעהט אין א לופט מסחר.. מיר זענען איבערצייגט אז זייער גורל איז די פראלעטאריזירונג, דער איבערגאנג צו פראדוקטיווער ארבייט, סיי זיי וועלען עס-סיי זיי וועלען עס נישט. זייער אומגליק וועט עס זיכער נישט זיין.

די פארטשרייטענדע סאציאליזירונג פון דער געזעלשאפט מאכט דעם פראצעס אומפערמיידליך. ס'איז פסיכאלאגיש בעמער־קענסווערט, און פערשטענדליך אז די וואס ווערען דאפון געטראפען, וועהרען זיך דאגעגען מיט אלע זייערע כחות, דערין ליגט אויך די ערקלערונג דאפאר, וואס שוין דער נאמען „סאציאליזם" רופט ביי זיי ארויס אציטערן, אלייז ארים ווי די נאכט פיהלען זיי דאך אינ'ם אנגריף אויפ'ן קאפיטאל א אנגריף אויף זייער איינענער עקזיסטענץ, איז זייער פערטיידיגונג פערבגיערן זיי זיך אזוי נוייט, אז זיי פערטיידיגען דאס קאפיטאל בכלל, זיי געפינען נאר נאך אמיז קירבת צו ראטשילדען, זיי דאכט זיך, אז ראטשילדס מיליארדען וועלען אין זייער פאלען אויך זיי די ארימע מעקלער, בעגראבען. די פאזיציאן איז אבער אזעהר געפעהרליכע.

וייל גוצלאז מוז זיין דער קאמף אהענען פארטשריט. אנשטאט א פערפוילטע, צערשטערטע פאזיציאן און יודערזינינען עקשנות צו פערטיידיגען, איז גלייכער

אנייע און שטארקע אויפצובויען, געפעהרליך אגיך דערפאר, ווייל די אנדערע פעלקער הענען מיט רעכט זעהען אין דעם, דעם גייסט פון רעאקציע. מיר מוזען האנדעלן פערהעדרט, מיר מוזען זיך זאגען: די לאגע פון די יורען אין די גלות לענדער, בלייבט אזוי לאנג געפעהרליך, ביז מיר וועלען איבערנעהמען פון לופט פרנסות צו פראדוקטיווער ארבייט. מיר מוזען שטרענג דאריבער וואכען אז דער שאדען וועלכען דאס יודישע פאלה וועט ביי אטא דעם איבערגאנג ליידען. זאל זיך גוי אם ווענינסטענס דערפיהלען. דאצו איז נייטיג די שטרענגע ארגאניזאציאן פון אלע אונזערע כחות, בכדי מיר זאלען אין די גלות לענדער בילדען א רעשפעקטירטען מאכטפאקטאר, וועלכער וועט אליץ גרעסער ווערען, וואס העכער די צאהל פון ארבייטער וועט זיין.

מיר זעהען אבער נישט נור אין דעם שוין אויסגעבילדעטען ארבייטער א אבר פון אונזער ארגאניזאציע, אויך דער קומענדיגער ארבייטער איז אנגענשטאנד פון אונזער העכסטען אינטערעסע. מיר פיהלען זיך בערופען איבער זיין גורל צו וואכען. מיר ווידער האלען: שטעהענדיג אויף דער זייט פון אינטערנאציאנאלער סאציאלדעמאקראציע אינ'ם קאמף פאר בעפרייאינג פון דער ארבייט, ריכטען מיר אונזער הויפטאויגענמערה אויף דער ענטוויקלונג פון שפעציפיש יודישער ארבייט, און ברענגען אין איהר אריין סיסטעם און ארגאניזאציע.

דאס איז אויפגאבע אין גלות, נישט פיעל אנדערש זענען אונזערע אויפגאבען פאר ארץ ישראל. מיר מוזען דאס שארף בעטאנען. מיר זענען ציוניסטען, דאס הייסט מיר גלויבען אין דעם, אז דער יודישער ארבייטער קען אין גלות נישט פריי ווערען, די קאנקורענץ מיט דעם נישט-יודישען ארבייטער איז תמיד א סכנה פאר איהם. פריהער למשל זענען נאך געווען די טירען קיין אמעריקא, ענגלאנד און ארגענטיניען אפען פאר דער יודישער איינוואנדערונג: מיר האבען דערלעבט, אז געזעצע פרווען זיך די טירען צו פערמאכען. דער מארקט, פאר וועלכען דער יודישער ארבייטער, ארבעט מוז זיי א אייגען נאציאנאלער, דער באדען, אויף וועלכען אונזער ארבייטער זאל הענען זיך פריי, פיזיש און גייסטיג אויסלעבען, מוז זיין א אייגענער און ארץ ישראל מוז דאס זיין, נגייל חוץ אידעעלע סבות איז דאס לאנד לויט וויסענשאפטליכער ערפארשונג א געאייגנעט לאנד פאר אונזער צוועה, דאס געאייגנעטסטע.

מיר זענען נישט וועניגער ציוניסטען פון יענע וואס זעהען איז דעם מקוים ווערען אן אלטען חלום, נישט וועניגער פון יענע פאראדנע ציוניסטען, וואס ווילען זיך ערהאלען פאהרען קיין פאלעסטינא, גלייך ווי קיין מעראן, אדער אבאציע, זעהט ס'ווייזט אויס אז די וועלט גרייט זיך צו אין פאלעסטינא דעם יודישען שטאט אויסציבויען. ס'איז אונזער חוב אכטינג צו געבען, אז די יסודות אויף וועלכע דער בנין וועט אויפגעבויט ווערען, זאלען זיין ריין דעמאקראטישע, אז פאלעסטינא זאל נישט ווערען א מקום מקלט, א צופלוכטשטעטע פארן אבגעדאנקטען קאפיטאליזם. דאפאר וועלען מיר קעמפען מיט אלע אונזערע כחות. מיר זענען נישט צערשטערער, מיר ווילען בויען. דאס פוילע פאלט פון זיך אליין אוועק.

ש. צ. מ—ר.

# פריהלינגס - געדאנקען.

מאטא: פריי אטמין פריי שטרעבען
פריי ווירקען, פריי לעבען

—— —— —— —— —— —— וויגטער איז אויך דעמעלט אין מיין נשמה געוועזן.... געדאנקען און געפיהלען זענען געוועזן אזוי-פערשנייט עס אין מיר דעמעלט געוועזן אזוי טריקען און טויט אויפין הארצען אז... ענדליך איז געקומען דער טאג, ווי אלדינגס תאט בעקומען אניאנדערע צורת... די זון איז זיך ארויסגעקראכען פון הינטער דעם הימעל, און האט אנגעטרינקען די ערד, דאס אלטע קינד מיט איהרע מיליכשטראהלען די בערג האבען געציטערט פאר שמחה, און פון זייערע פנמער האבען שניימרערין געגאבען, עס האט אנגעהויבען צו טראשטשען און ברעכען די אייזהעקין פון די וואסערן, די ערד האט אויפגעהויבען איהרע בלויע אויגען, פון איהר בוזים זענען ארויסגעקראכען די ליבליכע בלומען און די קליינענדע וועלדער, די גריגע פאלאצען פון די נאכטיגאלען, די גאנצע נאטור האט געלאכט און דאס לאבען האט געהייסען פריהלינג... פריהייט...

דא האט זיך אויך אין מיר אויפגעוועקט א נייער פריהלינג, נייע בלומען האבען אנגעהויבען ארויסצישפראצען פונ'ם הארצען, פרייהייטסגעפיהלען, ווי רויזען האבען אנגעהויבען ארויסצילייכטען, אויך א ליבליכעס בענקען האט זיך ארויסגעוויזען, ווי ביי יונגע פייגלען... איבער די קברים פון מיינע וואונשען האט ווידער־אמאל די האפנונג איהר פרעהליכעס גרין בעצויגען, אויף מעלאדיען פון פאעזיע זענען געקומען, ווי פייגעל, וואס האבען זייער ווינטער אין ווארעמע לענדער פערבראכט, און די פערלאזטע נעסט אינ'ם צפון ווידער אויפגעבויט, און מיין פערלאזטע, צעבראכענע נשמה האט ווידער־אמאל אנגעהובען צו קלינגען און בליען ווי אמאל —— —— —— נור ווייס איך ניט, ווי דאס אלצדינג איז געקומען...

איז עס א ברוינע אדער א בלאנדע זון געוועזן, וואס האט דעם פריהלינג ווידער אין מיין הארץ אויפ'ם ניי אויפגעוועקט און אלע פערשלאפענע בלומען איהר אויפגעקישט, און די נאכטיגאל־לידער אריינגלאכט. אדער אפשר איז דאס טאקי די מאמע נאטור אליין, וואס האט אין מיין ברוסט איהר עכא געזוכט, אום זיך אנצושפיגלען מיט אוהר נייעס פריהלינגסגלאנץ... איך ווייס ניט, אבער איך גלויב, אז אופין בערגיל, ווי

אנייע און שטארקע אויפצובויען, נעפעהרליך אניך דערפאר. ווייל די אנדערע פעלקער קענען מיט רעכט זעהען אין דעם, דעם גייסט פון רעאקציע. מיר מוזען האנדעלן פערקעהרט, מיר מוזען זיך זאגען: די לאנגע פון די יורעז אין די גלות לענדער, בלייבט אזוי לאנג געפעהרליך, ביז מיר וועלען איבערגעהען פון לופט פרנסות צו פראדוקטיווער ארבייט. מיר מוזען שטרענג דאריבער וואכען אז דער שאדען וועלכען דאס יודישע פאלה וועט ביי אטא דעם איבערגאנג ליידען. זאל זיך נוי אם וועניגסטענס דערפיהלען. דאצו איז נייטיג די שטרענגע ארגאניזאציאן פון אלע אונזערע כחות, בכדי מיר זאלען אין די גלות לענדער בילדען א רעשפעקטירטען מאכטפאקטאר, וועלכער וועט אליץ גרעסער ווערען, וואס העכער די צאהל פון ארבייטער וועט זיין.

מיר זעהען אבער נישט נור אין דעם שוין אויסגעבילדעטען ארבייטער א אבר פון אונזער ארגאניזאציע, אויך דער קומענדיגער ארבייטער איז אנגעגנשטאנד פון אונזער העכסטען אינטערעסע. מיר פיהלען זיך בערופען איבער זיין נורל צו וואכען. מיר ווידער האלען: שטעהענדיג אויף דער זייט פון אינטערנאציאנאלער סאציאלדעמאקראציע אינ'ם קאמף פאר בעפרייאינג פון דער ארבייט, ריכטען מיר אונזער הויפטאויגענמערה אויף דער ענטוויקלונג פון שפעציפיש יודישער ארבייט, און ברענגען אין איהר אריין סיסטעם און ארגאניזאציע.

דאס איז אויפגאבע אין גלות, נישט פיעל אנדערש זענען אונזערע אויפגאבען פאר ארץ ישראל. מיר מוזען דאס שארף בעטאנען. מיר זענען ציוניסטען, דאס הייסט מיר גלויבען אין דעם, אז דער יודישער ארבייטער קען אין גלות נישט פריי ווערען. די קאנקורענץ מיט דעם נישט-יודישען ארבייטער איז תמיד א סכנה פאר איהם. פריהער למשל זענען נאך געוועזען די טירען קיין אמעריקא, ענגלאנד און ארגענטיניען אפען פאר דער יודישער איינוואנדערונג: מיר האבען דערלעבט, אז געזעצע פרובירען זיך די טירען צו פערמאכען. דער טארקט, פאר וועלכען דער יודישער ארבייטער, ארבעט מוז זיי א אייגען נאציאנאלער, דער באדען, אויף וועלכען אונזער ארבייטער זאל קענען זיך פריי, פיזיש און גייסטיג אויסלעבען, מוז זיין א אייגענער און ארץ ישראל מוז דאס זיין, נייל חוץ אידעעלע סבות איז דאס לאנד לויט וויסענשאפטליכער ערפארשונג א געאייגנעט לאנד פאר אונזער צוועק, דאס געאייגנעטסטע.

מיר זענען נישט וועניגער ציוניסטען פון יענע וואס זעהען איז דעם מקוים ווערען אן אלטען חלום, נישט וועניגער פון יענע פאראדנע ציוניסטען, וואס ווילען זיך ערהאלען פאהרען קיין פאלעסטינא, גלייך ווי קיין מעראז, אדער אבאציע, זעהט ס'ווייזט אויס אז די וועלט גרייט זיך צו אין פאלעסטינא דעם יודישען שטאט אויסציבויען. ס'איז אונזער חוב אכטינג צו געבען, אז די יסודות אויף וועלכע דער בנין וועט אויפגעבויט ווערען, זאלען זיין ריין דעמאקראטישע, אז פאלעסטינא זאל נישט ווערען א מקום מקלט, א צופלוכטסשטעטע פארן אבגעדאנקטען קאפיטאליזם. דאפאר וועלען מיר קעמפען מיט אלע אונזערע כחות. מיר זענען נישט צערשטערער, מיר ווילען בויען. דאס פוילע פאלט פון זיך אליין אוועק.

ש. צ. מ—ר.

# פריהלינגס - געדאנקען.

מאטא: פריי אטמין פריי שטרעבען
פריי ווירקען, פריי לעבען

— — — — — — — — ווינטער איז אויך דעמעלט אין מיין נשמה געוועז . . . . . געדאנקען און געפיהלען זענען געוועזן אזוי-פערשניט עס איז מיר דעמעלט געוועזן אזוי טריקען און טויט אויפין הארצען אז . . . ענדליך איז געקומען דער טאג, ווי אלדינגס האט בעקומען אניאנדערע צורת . . . די זון איז זיך ארויסגעקראכען פון הינטער דעם הימעל, און האט אנגעטרינקען די ערד, דאס אלטע קינד מיט איהרע טיליכשטראהלען די בערג האבען געציטערט פאר שמחה, און פון זייערע פנמיער האבען שניישטרין געגאבען, עס האט אנגעהויבען צי טראשטשען און ברעכען די אייזהעקין פון די וואסערן, די ערד האט אויפגעהויבען איהרע בלויע אויגען, פון איהר בוזים זענין ארויסגעקראכען די ליבליבע בלומען און די קליינגעגדע וועלדער, די גריגע פאלאצען פון די נאכטיגאלען, די גאנצע נאטור האט געלאכט און דאס לאבען האט געהייסען פריהלינג . . . פרייהייט . . .

דא האט זיך אויך אין מיר אויפגעוועקט א נייער פריהלינג, נייע בלומען האבען אנגעהויבען ארויסציישפראצען פונים הארצען, פרייהייטסגעפיהלען, ווי רויזען האבען אנגעהויבען ארויסציליכטען, אויך א ליבליכעס בענקען האט זיך ארויסגעוויזען, ווי ביי יונגע פייגלען . . . איבער די קברים פון מיינע וואונשען האט ווידער־אמאל די האפנונג איהר פרעהליכעס גרין בעצויגען, אויף מעלאדיען פון פאעזיע זענען געקומען, ווי פייגעל, וואס האבען זייער ווינטער אין ווארעמע לענדער פערבראכט, און די פערלאזטע נעסט אינ'ם צפון ווידער אויפגעבויט, און מיין פערלאזטע, צעבראכענע נשמה האט ווידער־אמאל אנגעהובען צו קלינגען און בליען ווי אמאל — — — נור ווייס איך ניט, ווי דאס אלצדינג איז געקומען . . .

איז עס א ברויגע אדער א בלאנדע זון געוועזן, וואס האט דעם פריהלינג ווידער אין מיין הארץ אויפ'ם ניי אויפגעוועקט און אלע פערשלאפענע בלומען איהר אויפגעקישט, און די נאכטיגאל־לידער ארייגגלאכט. אדער אפשר איז דאס טאקי די מאמע נאטור אליין, וואס האט אין מיין ברוסט איהר עכא געזוכט, אום זיך אנצושפיגלען מיט אוהר נייעם פריהלינגסגלאנץ . . . איך ווייס ניט, אבער איך גלויב, אז אופין בערגיל, ווי

# ס'איז נישט אין ארדנונג.

נ. דאס פריזידיום פונ'ם מזרח-גאליצישען נאציאנאלראט האט צו אלע בעצירקס־נאציאנאלרעטע א צירקולאר צוגעשיקט אין וועלכן ער פארדערט אויף די יודישע עלטערן אונטערצושרייבען ערקלערונגען, אז זיי פערלאנגען די איינפירונג פון דער שפראך אלס אבליגאטער לעהרנגעגנשטאנד אין די עפענטליכע שולען.

אונז איז די שולפאליטיק פונ'ם מזרח-גאליצישען נאציאנאלראט נישט קלאר. דאס איז אונז בעוואוסט אז דורך דעם דאזיגען צירקולאר האט דער מ"ג נ. ה. א עווענטועלען בעשלוס פון דער קומענדיגער יודישער קאנסטיטואנטע פארגעגריפען.

דע סטאניסלויער נאציאנאלראטסטאג נופא האט איבערגעגעבען די ענטשיידונג פון דער יודישער שול פראגע דער קאנסטיטואנטע, אונזערע חברים האבען אפילו געגען די פראוויזארישע בעשלוסע פונ'ם נאציאנאלראטסטאג אין דער שולפראגע אנגעלעגט א פערוואהרונג. ס'איז אויף לחלוטין נערעכט, אז דאס יודישע פאלק זאל אליין ענטשיידען צי יודיש צי העבּרעאיש זאל זיין די שולשפראך.

זיכער איז אז אויך אין דער שול מיט יודישער לערן שפראך וועט העברעאישע שפראך א בכבודיגען פלאץ פארנעמען און דערפאר האבען מיר מעריטאריש גאר נישט געגען דער איינפירונג פון דער העברעאישער שפראך אלס אבליגאטען לערנגעגנשטאנד.

דאס טאר אבער נישט איינזייטיג געשעהן ס'טאר נישט דערוועקט ווערען ביי די יודישע עלטערן דער איינדרוק, אז די פראגע וועלכע שפראך זאל זיין די לערנשפראך איז שוין לטובה פון דער העברעאישער ענטשידען. פריי פון וואס פאר ס'איז איינפלוס פון אויבען מוז דאס יודישע פאלק ענטשיידען. דורך א בשתפותדיגער אקציע פון אלע עלטערן פאר העברעאיש ווערט דער קומענדיגער קאמף פאר יודיש ערשווערט. דער שפעטערער האמף וועט ביי אסך אויסזעהן ווי א צערברעכען פון דער איינהייטליכער פראנט פונ'ם יודישען פאלק.

און נאך עפּיס. אזוי לאנג די פראגע וועגען דער לערנשפראך איז פונ'ם יודישען פאלק נישט ענדגילטיג ענטשידען געווארען, טאר דורך א דערוויילער אפילו בערעכטיגטער אקציע, ביי דער אוקראאינישער מלוכה נישט דערוועקט ווערען דער איינדרוק אז דאס יודישע פאלק האט זיך אויסגעשפראכען פאר העברעאיש.

וויל דער מ. נ. ג. ר. זיין דער אנפירער פון א אקציע לטובת פון יודישע למודים טאר ער זיך נישט פיהרען איינזייטיג. פאר וואס קומט די יודישע קינדער נישט צו לערנען אויף זייער מאמעלשון אלס לערנגעגנשטאנד?

# קארעספאנדענצען.

**טלוסטע:** ערשט אנהויב יענער ד. י. האבען מיר — דאנק דער ענערגישער מיטארבייט פון ה. מרגוליעס (יוניאר) ווידער אויפגעלעבט אונזער פעריין. מיר האבען באלד פארשטאנען אז אין איצטיגען מאמענט קען מען זיך נישט האלטען אין דעם ראהמען פון פארטיי־אקציע און שוין ביים אנהויב ציגעפאסט די ארבייט צו א ברייטערער טעטיגקייט אויף יעדען געביט. האטש מיר זענען אין נאציאנאלראט — צוליב מאקטישע סבות — נישט פארטרעטען געווען, יעדאך פיהרען מיר אן א גרויסע טעטיגקייט אויף סאציאלען, עקאנאמישען און אויפן קולטורעלען געביעט. אלס די וויכטיגסטע געשעהענישען פון אונזער זייט איז אויפצירעכנען דאס ארגאניזירען א „הילפס־קאמיטע” לטובת די ארימע פון דער שטאט. ווייטער: דאס פעראנשטאלטען פון א „ליטעראריש־מוזיקאלישען” אבענד וועלכער איז געווען אייגנטליך אין צוויי טיילען א ערנסטען און א הייטערען. דער אווענד איז אין אלע פרטים זעהר שען אויסגעפאלען, און מיר האבען א מאראלישען און מאטעריעלען ערפאלג געהאט. קנאפ פארן אנהויב פון דער פעראנשטאלטונג האבען אונזערע שעהנע בעלי־בתים — מישטיינס געזאגט — פון דער שטאט געוואלט אונז שטערן און פארסטורט אונז פארין קאמענדאנט. ס'האט זיי אבער גאר נישט געהאלפען.

דאס גרעסטע יקרות מאכען זיי אין ציצען אויס די פאלקסמאסען אויף אלע זייטען און דערלאזען נישט אויב אנהעבען וועלען עפּיס טוהן כדי די נויט צו לינדערן. נעהענדיג אונזער קערצער טעטיגקייט האט ה. מרגוליעס (סעניאר) רעפערירט איבער פאלגענדע טעמען: „דאס פראגראם פון פועלי־ציוניזם”, „די רוסישע רעוואלוציע און דער וועלטקריג”, „מענדעלע” פרץ, שלום עליכם אין יודישער ליטעראטור”. א חוץ דעם האבען מיר אויך געשאפען א פראיעקט־סעקציע, כדי די ארבייטענדיגע פרויען צו ארגאניזירען און צום פאליטישען קאמף צו ערציהען. צו פערצייכנען איז אויך דאס שאפען פון א „ארבייטער־באנק” פון חברים און חבריטעס וועלכער איז גוט אבגעריכטעט און טרעט אויף ביי יעדער געלעגענהייט.

שבת דעם ערשטען מערץ האבען מיר געהאט א „מענדעלע־אווענט” פאר

---

איך בין געשטאנען, אין מיין הארץ, ווי פערכשופט געווארען . . . ווען איך בין דארטין אין געדאנקען געזעסען, האט זיך מיר תמיד אויסגעוויזען ווי כיוואלט געזעהן א שעהן, יונג, רויטליך מיידעלגעזיכט פון יענע בערג ארויסקוקען, און איך האב מיר געוואונשען פליגעל צו האבען, כדי אריבערצופליהען צו דעם צויבערארט . . .

כיהאב געפיהלט ציטראכען און מאראנצען ריחות פון יענע בערג פון מיר אריבערוועהען, אזוי שמייכעלדיג און זיס, אום מיר אתינצולאקען . . .

אמאל זאגאר, אין דער צייט ווען די גאלדענע זון טרענקט זיך צווישען די בערג, האב איך זי געזעהן, אויף א שפיץ, לעבענסגרויס, די יונגע פריהלינג און פרייהייטסכנעטין, בלומען און לארבערען האבען איהר פרייליכע האר בעקרענצט, די פאהן פון „ברודערליכקייט” און דער האנד און מיט לאבענדע אויגען, און א בליהענד מויל האט זי די מענשהייט גערופען, איך ליב אייך, קוממט צו מיר . . .

**מענדעל ווייגבאסט.**

# ס'איז נישט אין ארדנונג.

נ. דאס פרעזידיום פונ'ם מזרח-גאליצישען נאציאנאלראט האט צו אלע בעצירקס-נאציאנאלרעטע א צירקולאר צונעשיקט אין וועלכן ער פאדערט אויף די יודישע עלטערן אונטערצושרייבען ערקלערונגען, אז זיי פערלאנגען די איינפירונג פון דער שפראך אלס אבליגאטער לעהרנעגענשטאנד אין די עפענטליכע שולען.

אונז איז די שולפאליטיק פונ'ם מזרח-גאליצישען נאציאנאלראט נישט קלאר. דאס איז אונז בעוואוסט אז דורך דעם דאזיגען צירקולאר האט דער מ"ג נ. ה. א עווענטועלען בעשלוס פון דער קומענדיגער יודישער קאנסטיטואנטע פארגעגריפען.

דע סטאניסלויער נאציאנאלראטסטאג גופא האט איבערגענעבען די ענטשיידונג פון דער יודישער שול פראגע דער קאנסטיטואנטע, אונזערע חברים האבען אפילו בעגען די פראוויזארישע בעשלוסען פונ'ם נאציאנאלראטסטאג אין דער שולפראגע אנגעלעגט א פערוואהרונג. ס'איז אויף לחלוטין גערעכט, אז דאס יודישע פאלק זאל אליין ענטשיידען צי יודיש צי העברעאיש זאל זיין די שולשפראך.

זיכער איז אז אויך אין דער שול מיט יודישער לערן שפראך וועט העברעאישע שפראך א בכבודיגען פלאץ פארנעמען און דערפאר האבען מיר מעריטאריש גאר נישט געגען דער איינפירונג פון דער העברעאישער שפראך אלס אבליגאטען לערנגעגענשטאנד.

דאס טאר אבער נישט איינזייטיג געשעהן ס'טאר נישט דערוועקט ווערען ביי די יודישע עלטערן דער איינדרוק, אז די פראגע וועלכע שפראך זאל זיין די לערנשפראך איז שוין לטובה פון דער העברעאישער ענטשידען. פריי פון וואס פאר ס'איז איינפלוס פון אויבען מוז דאס יודישע פאלק ענטשיידען. דורך א בשתפות'דיגער אקציע פון אלע עלטערן פאר העברעאיש ווערט דער קומענדיגער קאמף פאר יודיש ערשוועהרט. דער שפעטערער האמף וועט ביי אסך אויסזעהן ווי א צערברעכען פון דער איינהייטליכער פראנט פונ'ם יודישען פאלק.

און נאך עפיס. אזוי לאנג דיך פראגע וועגען דער לערנשפראך איז פונ'ם יודישען פאלק נישט ענדגילטיג ענטשידען געווארען, טאר דורך א דערוויילער אפילו בערעכטיגטער אקציע, ביי דער אוקראינישער מלוכה נישט דערוועקט ווערען דער איינדרוק אז דאס יודישע פאלק האט זיך אויסגעשפראכען פאר העברעאיש.

וויל דער מ. ג. נ. ר. זיין דער אנפיהרער פון א אקציע לטובת פון יודישע למודים טאר ער זי נישט פיהרען איינזייטיג. פאר וואס קומט די יודישע קינדער נישט צו לערנען אויף זייער מאמעלשון אלס לערנגעגענשטאנד?

# קארעספאנדענצען.

טלוסטע: ערשט אנהויב יענער ד. י. האבען מיר — דאנק דער ענערגישער מיטארבייט פון ח. מרגוליעס (יוניאר) ווידער אויפגעלעבט אונזער פעריין. מיר האבען באלד פארשטאנען אז אין איצטיגען מאמענט קען מען זיך נישט האלטען אין דעם ראהמען פון פארטיי אקטיוו און שוין ביים אנהויב ציגעפאסט די ארבייט צו א ברייטערער טעטיגקייט אויף יעדען געביט. האטש מיר זענען אין נאציאנאלראט — צוליב טאקטישע סבות — נישט פארטרעטען געווען, יעדאך פיהרען מיר אן א גרויסע טעטיגקייט אויף סאציאלען, עקאנאמישען און אויפן קולטורעלען געביעט. אלס די וויכטיגסטע געשעהענישען פון אונזער זייט איז אויפצירעכנען דאס ארגאניזירען א "הילפס-קאמיטע" לטובת די ארימע פון דער שטאט. ווייטער: דאס פערבאנשטאלטען פון א "ליטעראריש-מוזיקאלישען" אבענד וועלכער איז געווען איינגעטיילט אין צוויי טיילען א ערנסטען און א הייטערען. דער אווענד איז אין אלע פרטים זעהר שען אויסגעפאלען, און מיר האבען א מאראלישען און מאטעריעלען ערפאלג געהאט. קנאפ פארן אנהויב פון דער פערבאנשטאלטונג האבען אונזערע שעהנע בעלי-בתים — מ'שטיינס געזאגט — פון דער שטאט געוואלט אונז שטערן און פארסטורט אונז פארין קאמענדאנט. סיהאט זיי אבער גאר נישט געהאלפען.

דאס גרעסטע יקרות מאכען זיי אן נוצען אויס די פאלקסמאסען אויף אלע זייטען, און דערלאזען נישט אויב אנהעבען וועלען עפיס טוהן כדי דעם נויט צו לינדערן. וועהרענד אונזער קערצער טעטיגקייט האט ח. מרגוליעס (סעניאר) רעפערירט איבער פאלגענדע טעמען: "דאס פראגראם פון פועלי ציוניזם", "די רוסישע רעוואלוציע און דער וועלטקריג", "מענדעלע" פרקי שלום עליכם אין יודישער ליטעראטור. א תוך דעם האבען מיר אויך געשאפען א פראיעקט-סעקציע, כדי די ארבייטענדיגע פרויען צו ארגאניזירען און צום פאליטישען קאמף צו ערציהען. צו פערצייכנען איז אויך דאס שאפען פון א "ארבייטער-כאר" פון חברים און חבריטעס וועלכער איז גוט אבגעריכטעט און טרעט אויף ביי יעדער געלעגענהייט.

שבת דעם ערשטען מערץ האבען מיר געהאט א "מעקראנגעגי" פאר

איך בין געשטאנען, איז מיין הארץ, ווי פערכשופט געווארען . . . ווען איך בין דארטין אין געדאנקען געזעסען, האט זיך מיר תמיד אויסגעוויזען ווי כיוואלט געזעהן א שעהן, יונג, דויטליך מיידעלגעזיכט פון יענע בערג ארויסקוקען, און איך האב מיר געוואונשען פליגעל צו האבען, כדי אריבערצופליהען צו דעם צויבערארט . . .

כ'האב געפיהלט צימראנען און מאראנצען ריחות פון יענע בערג צו מיר אריבערוועהען, אזוי שמייכעלדיג און זיס, אום מיר אהינצולאקען . . .

אמאל זאגאר, אין דער צייט ווען די גאלדענע זון טרענקט זיך צווישען די בערג, האב איך זי געזעהן, אויף א שפיץ, לעבענסגרויס, די יונגע פריהלינג און פרייהייטכגעטין, בלומען און לארבעערען האבען איהר פרייליכע האר בעקרענצט, די פאהן פון "ברידערליכקייט" און דער האנד, און מיט לאכענדע אויגען, און א בליהענד מויל האט זי די מענשהייט גערופען, איך ליב אייך, קוממט צו מיר . . .

מענדעל וויינגאסט.

# גראטולאציעס און אנצייגען.

---

לינא ברעטשניידער — פערלאבטע — מאיר פלאצקער

טשארטקוב — פלוסטע

אים מערץ 1919.

---

ברוך ברילער — רבקה ברילער

פערלאבטע

יאגעלניצא אים מערץ 1919.

---

איך גראטוליר הערצליכסט מיין קוזינע ליבע ווינטער אויס טשארט-
קוב צו איהר פערלאבונג מיט הערן שמריה וואלפענהויס.

יהושע נייגעבארען.

באראטשקוב אים מערץ 1919.

---

צו דער חתונה פון אונזער חבר משה מייטער מיט פרל. לאטי
שעכנער שיקען א הארציגען מזל טוב בן ציון און אהרן יעגענדארף.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

א הארציגען מזל טוב אונזער שוועסטער ליבא ברעטשניידער צו
איהר פערלאבונג מיט הערן מאיר פלאצקער ווינשען

איצי שמערנשוס און פריי.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

ארויסגעבער און פעראנטווארטליכער רעדאקטער דר.

א הארציגען מזל טוב אונזער שוועסטער ליבא ברעטשניידער צו
איהר פערלאבונג מיט הערן מאיר פלאצקער ווינשען
איצי שמערנשוס און פריי.
טשארטקוב אים מערץ 1919.

מיר לייענען נישט די שווערינקייטען, דעם מאנגעל אין רויסטאפען, וועט אסך ארבייט מאכען נישט מעג-ליך. ס'איז אבער אויך א טאטזאכע אז אים לאנד גופא זענען פארהאנען אסך רויסטאפען, וועלכע מ'מוז נאר צופיהרען דעם פראדוצענט און אסך פראדוקטיוונגע-נאסענשאפטען האלטען שוין היינט נעהענט די ארבייט אנהויבען און האבען אנאר גוטען אבזאץ.

— נאך איין פראגע די פרטים פון דעם נייען אנ-ראהנעזעץ זענען נאך נישט בעקאנט. על פי די ביז־איצטיגע ידיעות וועלען ווארשיינליך אויך די יודען האבען די מעגליכקייט גרונד און באדען צו בעקומען. איז דאס באמת נישט מעגליך א גרויסען חלק פון די פראלעטאריזירטע יודישע מאסען צו פיהרען צו דער לאנדווירטשאפט? אויף יעדען אופן איז דאס ווערט אפריב צו טון.

## דער וואוכער מיט דירות.

אום יאהר 1914 ווען די רוסישע כוואליעס האבען פארפלייצט מיט פייער און שווערט גאליציען און חרוב געמאכט פיעל שטעט און דערפער, האבען די טויזענ-דער אומגליקליכע הײמלאזע זיך געמוזט זוכען נעסטען אין די גליקליכערע שטעט וואס דער גורל האט זיי פערשאנט און גאר גרויס איז געוועזן די צאהל פון די אומגליקליכע פרעמדע, דאס ענגשאפט איז געווא-רען נישט צום אויסהאלטען און די בעל־בתים האבען אנגעהויבען אויסצוניצען די לאגע און געשינדען אהן רחמנות די הויט פון זייערע קאמערניקעס העכערנ-דיג פון יאהר צו יאהר דאס דירה געלד.

די דירות געלט האבען אים יאהר 1914 געקאסט א געוויסען בעטראג האסטען היינט דאס 4 און 5 פאכע. און קאמערניקעס שווייגען, ס'העלפען אפילו נישט

האלטען; איהם, אנגעהויבען רייסען און ציפען אונטענארומער. דער משוגע-נער איז געשטאנען אין דער מיט: מאכענדיג זיינע משונהדיגע ווילדע הויות. מיט די פונגער זיך. רי. שלייפען צעקוועטשט. אין אויפן פנים האט ער געשניטען איעלכע גרימאסען; אז דער עולם האט זיך געקאטשעט פאר געלעכטער —

אונילד אומעשליך געשריי. וואס האט געמאכט פערקילען דאך בלוט אין די אדערן; אגעשריי; וואס איז טעהר ענליך צו א כארטשען פון אגע-קוילעטען אקס, האט פלוצים דעם גאנצען אונטערהאלט אבגעהאקט.

— — — — — — — — — — — — — — —

. . . דערטיכנטערט האט מען איהם מיט שווערע סיה. — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

און דעם אנדערען טאג האט מען איהם אויף דער קלוידבאנק אטויטען געטראפען . . .

י. ה־ר.

קיין טיטערס צפערא... נגען. וועלכע ווערען פון דער מלוכה ארויסגעגעבען וועל די קאמערניקעס גיבען אליין דארויף נישט אכט אז די געזעצליכע בעשטימונגען זאלען איינגעהאלטען ווערען. אויף די מערב-אופר. מלוכה האט אלע בזאיצטיגע פע־א־דנונגען אויפרעכט ערהאלטען. אין דער זעלבען צייט אבער ווען דאס געזעץ בעשטימט אז ס'זאל נישט געצאהלט ווערען מעהר דירה געלד ווי פאר דער מלחמה, איז א אב-מאך אויף מעהר דירה געלד איז נישט גילטיג — נאך מעהר — אז דער בעצאהלטער מעהרבעטראג קען צוריקפערלאנגט ווערען, צאהלען אסך אפילו די אריםסטע פון אונזער שטאט פריווילג וואוכערפרייזען פאר דער דירה, שטאט זיך מיטן גאנצען כח צו ווערען און אויף געזעצליכע בעשטימונגען אנצוווייזען. לאזען זיך אבער די קאמערניקעס אלצדינג פון די בעלהביתים געפאלען.

ס'איז שוין די העכסטע צייט די קאמערניקעס זאלען זיך אנהויבען צו ארגאניזירען און זיך א רעכטס-שוצבירא גרינדען, וועלכעס זאל זייערע אינטערעסען פארטרעטען. בפרט אין דער איצטיגער צייט ווען כמעט איעדער צווייטער בעל־הבית האט זיינע קאמערניקעס געקינדיגט כדי אויף דעם אופן ארויסצופרעסען א גרע-סער דירהגעלד, אין 99 פראצענט פעלע זענען די קינ-דיגונגען געזעצליך נישט בעגרינדעט און טראצדעם נעפינען זיך אזעלכע, וועלכע האבען אפילו קיין איינ-ווענדונגען נישט ערהויבען.

י. ה־ר. ג.

## קארעספאנדענצען.

**זאלישטשיק:** אונזער פעריין "האפענונג" האט אם 27 יענער 1919 פעראנשטאלטעט א ליטעראריש אבענד לטובת דעם צעהן יעהריגען יובי-לעאום פון דעם פעריין, וועלכער האט געהאט א גרויסען מאראלישען ערפאלג. פון דעם רייכערטראג פון זיבצעהן הונדערט קר. זענען צוגעפאלען טויזענד קר. פאר די זאלישטשיקער יתומים און דער רעסט פאר דער שטעדטישער אריםער בעפעלקערונג. מיר פיהרען א אינטענסיווע ארבייט אויף דעם פאליטישען געביט. מיר האבען איצט פיער חברים אין נאציאנאלראט און אויך פארטרעטער אין געמיינדעראט. אויך אויף דעם ארגאניזאטארישען גע-ביט ווערט נים געשלאפען. ס'ווערען אבגעהאלטען פערזאמלונגען און פאר-טרעגע און פארלעזונגען. אונזער פינאנציעל צאהל מאכט אוים אבער הונדערט חברים און איבער אכציג חבריטעס. דער פעריין בעזיצט אויך א אייגענעם קאנפעראנץשפט וועלכער ליגנערט ציביסלעך די צויט פון די ארבייטעפען מיר גרייטען צו א פארשטעלונג צום פיערטען מערץ.

**צווייטער בעריכט:** שבת דעם 22 פעבער איז אבגעהאלטען געווארען א נאציאנאלראטזיצונג מיט דער טאגעסארדנונג צו זוכען א מיטעל אבצוהעלפען דער שווערער נויט ... העך... שטעהאלט שטעלט א אנטראג אזוי ווי ס'איז ביי אונז פארהאנען א פראצענט גרויסע גבירים אזוי זאל מען זיי בעשטייערן יעדען לפי כח דאמיט מען זאל שאפען א פאלקסקיך ...

אונזערע חברים און חברימעס מיט א שעהן לישעראַרישען אינהאלט.

דורך א עפענטליכער פאַרזאמלונג אין בית־המדרש, ווי סיהאבען רעפערירט צווי פון אונזערע חברים איבער: „צוועק און ציעל פון נאציאָנאלראט" און דערזעלבער נאציאָנאלראט ציליעב דעם וואס ער איז נישט נאכגעקומען קיין שום פון זיינע התחיבותין לטובת דעם כלל, געשטירצט געווארען. צי די נייע נאציאָנאלראטסוואהלען גריישען מיר זיך ענערגיש צו און מיר האפען א ערפאלג ביי דער ארבייט . . .

שמואל טרנוליעס.

פונים הינגען נאציאנאלראט בעקומען מיר פאלגענדע מודעה:

דער יודישער נאציאנאלראט דערמאנט די יודישע בעפעלקערונג אין דער פעראָרדנונג פון דער בעהערדע, לויט וועלכער ס'איז אנצונעהמען אים האנדעלס־פערקעהר 1 גריוונע אלס 1 קראנע און 1 קארבאָווא נעץ אלס 2 קראנען, אלע יודישע געשעפטע ווערען געבעטען אים אייגענעם אינטערעס ווי אויך אים אינטערעס פונים גאנצען כלל די דערמאנטע פעראָרדנונג גענוי צו בעפאלגען כדי עווענטועלע שטראפען צו פערמיידען, און אונאנגענעמליכהייטען פאר'ן כלל נישט ארויסצובעשווערען.

## בריעף קאסטען.

מיר זענען מודיע די שרייבערס וואס מיר האבען לעצטענס פון זיי ערהאלטען קארעספאנדענצען „אנאנים" אז זיי קענען נישט געדריקט ווערען מאדען זיי זאלען פול און גאנץ זייער נאמען אונטערשרייבען.

# גראטולאציעס און אנצייגען.

לינא ברעטשניידער
טשארטקוב

מאיר פלאצקער
טלוסטע

פערלאבטע

אים מערץ 1919.

ברוך ברילער

רבקה ברילער

פערלאבטע

יאגעלניצא אים מערץ 1919.

איך גראטוליר הערצליכסט מיין קוזינע ליבע ווינטער אויס טשארטקוב צו איהר פערלאבונג מיט הערן שמריה וואלפענהויט.

יהושע נייגעבארען.

כאראפטקוב אים מערץ 1919.

צו דער חתנה פון אונזער חבר משה מייפער מיט פרל. לאטי שעכטער שיקען א הארציגען מזל טוב. בן ציון און אהרן יעגענדארף.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

א הארציגען מזל טוב אונזער שוועסטער ליבא ברעטשניידער צו איהר פערלאבונג מיט הערן מאיר פלאצקער ווינשען

איצי שטערנשוס און פרוי.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

בייניש קאך גראטולירט זיין שוועסטער צו איהר חתנה מיט הערן וואלף טויבער.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

איך גראטוליר מיין פריינד מאיר פלאצקער אויס טלוסטע צו זיין פערלאבונג מיט פרל. לינא ברעטשניידער וואבקע באכנער.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

א הארציגען מזל טוב אונזער פריינד מאיר פלאצקער צו זיין פערלאבונג מיט פרל. לינא ברעטשניידער אויס טשארטקוב

אפרים מענשעל און פרוי.

טלוסטע אים מערץ 1919.

דער פעריין „צעירי ציון" אין קאפעטשינצע גראטולירט זיין חבר בן ציון קרעמער צו זיין פערלאבונג מיט פרל. מרים טוי.

קאפעטשינצע אים מערץ 1919.

דער פעריין „צעירי ציון" אין קאפעטשינצע גראטולירט זיין חבר אליעזר וויסבערג צו זיין פערלאבונג מיט פרל. טשארנע בעזנער.

קאפעטשינצע אים מערץ 1919.

הננו מברכים בברכת מזל טוב את חברנו מר מאיר פלאצקער לאריסתו עם העלמה פרת ליבא ברעטשניידער מטשארטקוב בעד הנאציאנאלקאסיפיע בטלוסט.

אברהם סטופ נשיא.

טלוסט בירח מערץ 1919.

בברכת מזל טוב מברכים את ריעם מר מאיר פלאצקער לאריסתו עם העלמה פרת ליבא ברעטשניידער האחות פידערער ומרים ראזענבוים.

טלוסט בירח מערץ 1919.

די יוד. נאצ. יוגענד יאגאלניצע שיקט א הארציגען מזל טוב זייער חבר ברוך ברילער צו זיין פערלאבונג מיט פרל. רבקה ברילער.

יאגאלניצע אים מערץ 1919.

דער פעריין תקות ציון שיקט א הארציגען מזל טוב זייער חבר ברוך ברילער צו זיין פערלאבונג מיט פרל. רבקה ברילער.

יאגאלניצע אים מערץ 1919.

פעריין „מרים" אין יאגאלניצע שיקט א הארציגען מזל טוב זייער חברטע רבקה ברילער צו פערלאבונג מיט הערן ברוך ברילער.

יאגאלניצע אים מערץ 1919.

**חברים און חבר'טעס! שבת דעם 22 מערץ זיינער צווי באטאג איז אין פעריין „פועלי־ציון" א פערטרוי־ליכע פארטייפערזאמלונג.**

סטאלער ארבייטען אלער ארט קליינע און גרעסערע רעפעראטורען מאכט און בארעכענט ביליג

די סטאלערגעזעלשאפט

זיך צו ווענדען צו הערין אכסעלראד

(między domami 23.)

ארויסגעבער און פעראנטווארטליכער רעדאקטער דר. זיגמונד געלמאן. — דרוקעריי מ. מארגוליעס טשארטקוב.

נומר. 7. טשארטקוב, דעם 28. מערץ 1919. 1. יאהרגאנג.

הער אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: "פועלי ציון" טשארטקוב.

פרייז 80 ה. גראטול. און פערל. אנצייגען 10 ק.

# די קראפט

(Die Kraft) ערשיינט יעדען פרייט'ג. (Дi Крафт)

## אונזער ווירטשאפטליכער מצב.

ג. אין די שטעט איז פינסטער און ארים. די יסודות, אויף וועלכע ס'זענען ביז איצט אויפגעבויט געווען יודישע פרנסות, זענען פערניכטעט.

דער מסחר האט דורך בעהערדליכע פערבאטען כמעט גאנץ אויפגעהערט צו עקזיסטירען. דער קליינער קרעמער, וועלכער האט שוין פריהער געפיהרט א לופט-עקזיסטענץ, האט היינט נישט פון וואס צו לעבען. די פרנסות, וועלכע זענען געווען פערבונען מיט'ן מסחר ווי בעלי-עגלות און טרעגערס האבען אויפגעהערט. די בויטעטיגקייט אין די שטעט איז נישט מעהר פארהאנען. די מוירער, סטאלער, שלאסער און גלעזער געהן ארום ברויטלאז. דורך דער אלגעמיינער ווירטשאפטס-דעפרעסיע האט זיך די קויפסקראפט פון דער בעפעלקערונג פערקליינערט. די שניידער און נייטארינס זענען אהן חיונה, דער לוינארבייטער קען קיין בעשעפטיגונג נישט בעקומען.

און דער יקרות וואקסט. די פרייזען זענען נישט מעהר צו ערשווינגען, דער לעבענסמצב פון דער ברייטער מאסע זינקט פון טאג צו טאג. א יאושטימונג הערשט אין די שטעט. וואס וועט זיין ווען דער לעצטער ערשפארטער העלער וועט אוועקגעהן, וואס זאל טון דער אהיימקעהרער, וועלכער האט נישט געהאט די מעגליכקייט עפיס צו ערשפארען?

וואס איז צו טון? די דייטש-עסטרייכישע און טשעכישע מלוכות האבען פערשטאנען, אז די ווירטשאפטליכע נויט אין דער ברייטער מאסע איז א סאציאלע סכנה אז דער הונגער איז נישט קיין גוטער בעל-יועץ. די מלוכות האבען אליין א הילפס-אקציע אונטערנומען. שטאטליכע אונטערשטיצונגען ווערען געגעבען פאר די וואס געהן ארום ברויטלאז.

אויך די יונגע אוקראאינישע מלוכה מוז זיך דאס בעוואוסט ווערען און מוז מיט ענטשפרעכענדע מיטעל העלפען דער ברייטער - אויך יודישער - מאסע דורכצוהאלטען די איצטיגע ווירטשאפטליכע לאגע.

ס'איז א חוב פונ'ם מזרח-גאליצישען נאציאנאלראט דעם געדאנק דער מערב-אוקר. רעגירונג פארצולעגען. די הילף מוז אין בילינע לעבענסמיטעל בעשטעהן אויף איין זייט און אין געלד אונטערשטיצונגען אויף דער אנדערער זייט. די יונגע דעמאקראטישע רעגירונג וועט זיך פון אזא הילף נישט קענען אבזאגען.

די איצטיגע אבגעריסענקייט פון איין שטאט פון דער צווייטער איז די סבה דאפון, אז ארבייטער קענען אפילו פון פארהאנענע ארבייטסגעלעגענהייטען נישט געוואהר ווערען. ס'איז נויטיג שטעלענפערמיטלונגסביראס מיט וואכענאויסווייזען איינצוריכטען, וואס זאלען ארבייט פערמיטלען.

דאס זענען אלעם נאר פאליאטיוומיטלען זיי קענען דעם יודישען קליינעם קרעמער, וועלכער פערלירט דורך דער פארקומענדער פערשטאטליכונג פונ'ם מסחר זיין פרנסה, נאר העלפען אויסצוהאלטען די שווערע צייט. אין דעם פארטשרייטענדען סאציאליזירונגספראצעס, וועלכער מוז קומען, ווייל ער איז געווארען דאס לאזונגסווארט פון די ברייטע מאסען אין גאנצען אייראפא, וועלכער ערפאדערט אבער גרויסבעטריבע און פערגענאסענשאפטליכונג פון קאפיטאל און ארבייט, וועט זיך דער איינצעלנער יודישער בעל-מלכה און לוינארבייטער פאר'ן ווייטערען עתיד נישט קענען האלטען.

מיר שטעהען פאר אנייער תקופה אין אונזער ווירטשאפטסגעשיכטע, אני׳ פראבלעם איז פאר אונז אויפגעטויכט.

איינס איז זיכער: אז מיר ווילען מוזען דאס פראבלעם אליין פערענפערן. מיר ווילען אליין זיין געצוואונגען אונזער ווירטשאפט, וועלכע איז ביז איצט אויפגעבויט געווען אויפ'ן יסוד פון מסחר און מלאכה, איבערבויען אויף נייע, מאדערנערע יסודות.

נייע פראדוקציאנסצווייגען מוזען געשאפען ווערען. און די יודישע ברייטע מאסע, וועלכע איז ביז איצט בעשעפטיגט געווען אין נישט פראדוקטיווע אדער וועניג פראדוקטיווע ווירטשאפטסצווייגען מוזען צו זיי איבערגעפיהרט ווערען.

דאס יודישע פאלק האט נייע רעפרעזענטאציעס געשאפען — די נאציאנאלראטען. ווילען זיי אבער זיין אמתע פאלקסאינסטיטוציעס, מוזען זיי זיך קודם כל פערנעמען מיט דער דערמאנטער פראגע, וועלכע איז היינט אויסגעוואקסען צו דער ברענענדיגסטער נאציאנאלער פראגע, און זי לעזען. און זיי זענען אויך קודם כל מסוגל דאצו. אלס צוואנגסארגאניזאציעס פונ'ם יודישען פאלק, אויסגעבויט מיט שטייערהאהייט זענען זיי און מוזען זיין, בכח די פינאנציעלע מיטלען צו בעשאפען, וועלכע זענען נייטיג דער יודישער מאסע צו דערלייכטערן דעם איבערגאנג צו די נייע פראדוקציעס.

דער מזרח־גאליצישער נ. ר. האט שוין די איניציאטיווע גענעבען אין א צירקולאר פאדערט ער אויף די נאציאנאלראטען אין איינצעלנע שטעט צו גרינדען שפארקאסען און ענליכע פינאנצאינסטיטוטען. די גאראנטי פאר'ן אינסטיטוטספערמעגען איז פארהאנען, ראשית דאס פערמעגען פון דער בעטרעפענדער פאלקס־געמיינדע והשנית די לעבענדיגע שטייערקראפט פון דער בעפעלקערונג.

די פינאנצאינסטיטוטען זענען לחלוטין נויטיג כדי די ארימע פראלעטאריזירטע מאסען, וועלכע ווילען איבערגעהן צו פראדוקטיווער ארבייט דעם נויטיגען קרעדיט צו געבען. אין א גאנצער שורה פון גאליצישע שטעט און שטעטלעך האבען זיך קאנסומגענאסענשאפטען געבילדעט, וועלכע וואלטען געווען אסך בעסערע כלי זין אינ'ם קאמף אקעגען דעם יקרות, ווען זיי וואלטען אפערירט מיט גרעסערע מיטלען. דעם נויטיגען קרעדיט וואלטען געקענט די פינאנצאינסטיטוטען געבען, וועלכע זאלען פון די נאציאנאלראטען געבילדעט ווערען.

אין דער איצטיגער צייט זענען פריוואטקאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען נישט דענקבאר און זיי ליגען אויך נישט אים נאציאנאל־ווירטשאפטליכען אינטערעס. דער פראלעטאריזירטער יודישער לופטמענש וועט אסך גיכער צוגעהן צו דער פראדוקציע, אז ער וועט וויסען, אז דער גאנצער רווח פון זיין פראדוקטיווער ארבייט פליסט איהם צו און ער מוז זיך מיט דעם רווח נישט טיילען מיט דעם פריוואטאונטערנעמער. מ'מוז אויך רעכנען מיט דעם פסיכאלאגישען מאמענט פון דעם בולט'ן בעלהביתישקייטסגעפיהל ביים ארימען יוד. ער וועט זיך בעסער פיהלען אין אזא ארגאניזאציע פון פראדוקטיווער ארבייט, ווי ער איז נישט אונטערגעארדנעט א פריוואטאונטערנעהמער נאר ער איז גלייכער בעלהבית פון דעם אונטערנעהמען ווי א יעדער אנדערער וואס ארבייט מיט איהם. די קומענדיגע פארם פון ארבייט מוז דערפאר זיין די פראדוקטיוו־גענאסענשאפט.

מיר מיינען, אז דאס איז נישט א פראגע פון א ווייטען עתיד. דאס וואס מוז געטון ווערען מוז שוין געשעהן. די נויט אין די שטעט איז אזוי גרויס, אז א ארגאניזירונג פון אונזער גאנצען ווירטשאפטליכען לעבען אין דערמאנטען זין איז א בלוטיגע לעבענסנויטווענדיגקייט.

## דער הונגעריגער.

... דעם ווייפיעלטען טאג האט ער נישט געגעסען .....

קיין חשבון פיהרט ער נישט, פיהלען פיהלט ער אבער, אז פארטריקענט זענען איהם די ליפען, דער קאפ ברענט און דאס הארץ קלאפט...

עטליכע טאג אז ער וואלגערט זיך דא אין קלויז. אפרעסדער איז ער אין דער היים האט ער ביי זיך נישט געקענט פועלען צו בעטלען; אין דער פרעמד וועט עס לייכטער צוגעהן...

אבישערן טעות האט ער געהאט. שוין עטליכע טעג אוועקגעגאנגען און ער קען נישט ציגעהן אייגעם בעטען אשטיקעל ברויט זיך דאס חיות אויף אמיכוש צו דערהאלטען.

אין נאך אזאך האט איהם ווען געטון: דאס נישט אינטערסירען זיך פאר איהם, וואלט איהם כאטש אייגער געפרעגט: פון וואנען ביזטו, וועה ביזטו....

ווי האט ער סכנה געווען דעם משוגענעם, וואס איז מיט איהם אין קלויז אויף דער הארטער באנק, וואס פאר אגליקליכער מענש ער איז. יעדער אינטערסירט זיך מיט איהם, אסת, מען ציפט איהם, מען רייסט איהם, און מען אונטערהאלט זיך איבער זיינע משוגעדיגען געלעכטער און ווילדע ליעדלעך, דערפאר גיט מען איהם אבער אשטיקעל ברויט.

ער האט נישט אייגמאל געקלערט איהם נאכצומאכען, און זאל זיין וואס סיוויל, אבי עפיס צום עסען זאל ער האבען.

אבער אויך דאס איז איהם נישט מעגליך געווען ביז היינטיגען טאג.

מעהר דעם הונגער אויסצוהאלטען איז נישט מעגליך, פערחלשט איז ער געזעסען אין אווינקעל און זיך נישט געקענט שטעלען אויף די פוס. אין די שלייפען האט איהם געהאקט ווי מיט האמערס, און טונקעל איז איהם געווען אין די אויגען. היינט מוז נעסען א סוף... האט ער געטראכט. דער עולם וועט זיך צוזאמענקומען צו מנחה מעריב... היינט מוז ער שפיעלען די ראלע פונ'ם משוגענעם — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

... נאך מנחה־מעריב, עטליכע זאטע בעל־בתים מיט אפאר יונגלעך האבען ארום גערינגעלט דעם משוגענעם און זיך מיט איהם צו אונטער־

מעגען כדי סען זאל קענען דעם אריטען פאלק אבהעלפען; חבר גאספריד זעהענדיג אז דער אנטראג וועט ניט דורכגעהן שטעלט א פערמיטלונגס־אנטראג, אז די ערשטע אבגאבע זאל זיין א קלענערע דערפאר זאל מען שטעלען א חודש בייטראג, וועלכער זאל ערמעגליכען דעם פלאן; דער אנטראג פון חבר גאספריד איז אנגענומען געווארען ס׳איז זאגאר א קאמיסיע געוועהלט געווארען, וועלכע האט צו בעשטימען די הויך פון די שטייערן.

---

באראסטשוב: אונזער שטעטיל האט צום ערש־טען מאל דעם ווינטער זוכה געווען צו א טעאטער־פארשטעלונג. דער ערפאלג איז געווען איבער יעדע ערווארטונג. דער „יודיש ליטעראַרישער צירקעל" פער־דינט א אמת׳ן יישר כח. געשפּילט איז געווארען „שלום בית", א לעבענסבילד אין 4 אקטען פון משה ריכטער אלע ראלען זענען געווען גלענצענד בעזעצט אין די קריטיק קען נור זיין זעהר גינסטיג. מיט גרויס טאלענט כמעט קינסטלעריש האבען געשפּיעלט; מע־סיטע אלס ר׳ ניסעלע, טענענבוים אלס אהרעלע, זעהר גוט זענען געווען פרל. טענענבוים אלס איידעלע, פרל. פרידמאן אלס מינדעלע פרל. פפעפער אלס בריינדע־לע, פרוי דלינאטש אלס פעסי. פרל. זאכמאן אלס הבורה האבען זייערע ראלען גוט פארשטאנען און אין זיך אריינגעלעבט. לאנג אלס יעקב משולם האט דאס פובליקום גלענצענד אמוזירט און זעהר נאטירליך געשפּיעלט. יוסף לאנג אלס ארטשי האט מיט זיין מימיק אין געסטיקולאציע א אלגעמיי־נע בעוואונדערונג הערפארגערופען. די ליעדער יעדאך האט ער אפנים נישט גוט איינגעאיבט. פישל ווער־בער אלס יוסעלע זעלענפריינד וואלט גאנץ גוט געווען; נאר אין 3־טען אקט האט ער זיך אביסעל פערגעסען און זיך צו זעהר אויפגערעגט. גאנץ גוט זענען געווען זאכמאן אלס יעקעלע אפענבאך און פרל. פלינגער אלס דינסט. גרויסען אפלויס האבען געהאט די קינדער באהרער; וועלכע האבען זעהר גוט געזונגען און זעהר הערציג געווען. בעזונדערע פערדינסטע ארום דער אויפפיהרונג האבען דלינאטש אלס מוזיק דירינענט און ווייסבראד אלס דעקאראטער. אלעס איז פינקטליך און גענוי פאר זיך געגאנגען און מ׳קען נור ווינשען אז דער „יודיש ליטעראַרישער צירקעל" זאל נישט בלייבען שטעהן אין מיטען וועג און זיין אנגע־הויבענע ארבייט ענערגיש ווייטערפיהרען. דער ריינער ערטראג געהט פארן שולפאנד.

פלוני אלמוני.

---

## גראטולאציעס און אנצייגען.

הערש זיבענבערג     חנה וואלף

פערלאבטע

טלוסטע אים פעבער 1919.

---

מאני באמסריד     טויבה לאנג

פערלאבטע

טלוסטע אים פעבער 1919.

---

חיים סידערער     ניטעל שטעקעל

פערלאבטע

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

זיסיע עלינג     לייציע שניטליך

פערלאבטע

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

דער פעריין „יודית" אין פראבוזנא גראטולירט זיין מיטגליד גיטא רינגעל צו איהר פערלאבונג מיט הערן יעקב אלטשולער.

פראבוזנא אים מערץ 1919.

---

דער פעריין פועלי ציון אין מילניצע גראטולירט הארציג דעם הערן משה ווייסמאן צו דער חתנה פון זיין טאכטער בערטא און שפענדעט פאר תלמוד תורה 230 קר.

מילניצע אים מערץ 1919.

---

לייזער פייערשטיין און מעכעל פייערבערג שיקען א מזל טוב זייער חבר משה זאמער צו זיין פערלאבונג מיט פרל. אהעלא האפענשטרייך פון טשארטקוב.

פראבוזנא אים מערץ 1919.

---

צו דער פערלאבונג פון מיין חבר זיסיע עלינג מיט פרל. לייציע שניטליך שיקט א הארציגען מזל טוב ישראל מרדכי טריינער.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

לייזער שניטליך גראטולירט די שוועסטער לייציע צו איהר פערלא־בונג מיט הערן זיסיע עלינג.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

מרדכי עלינג גראטולירט זיין ברודער זיסיע עלינג צו זיין פערלאבונג מיט פרל. לייציע שניטליך.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

דער פעריין „יודית" אין פראבוזנא גראטולירט זיין מיטגליד פרל. עטעל שאר צו איהר פערלאבונג מיט הערן ישראל קריישער אויך אולאשקאוויץ.

פראבוזנא אים מערץ 1919.

---

די משפחה אייערבאך אויס הוסיאטין שיקט א הארציגען מזל טוב די פערלאבטע חיים סידערער מיט געניע שטעקעל.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

יעקב ווינטער און זיין כלה שיקען א הארציגען מזל טוב זייער פריינד זיסיע עלינג צו זיין פערלאבונג מיט פרל. לייציע שניטליך.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

האגודה בנות ציון מטשארטקוב מברכת את החברות היקרות לרגלי ארוסתן

עדיל ראטענשטרייך עם משה זאמער     צירל שווארץ עם דוד גאלדשטיין

רוזיע קלאר עם אברהם ליביאל     גיטל שטעקעל עם חיים סידערער

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

וויר גראטולירען אונזער שוועסטער קריינצי צו איהר פערלאבונג מיט הערן שמואל אייזענבערג געשוויסטער עדעלשטיין.

טשארטקוב אים מערץ 1919.

---

פעריין פועלי ציון אין טליסטע שיקט א הארציגען מזל טוב דעם ח. הערש זיבענבערג צו זיין פערלאבונג מיט ח. חנה וואלף.

טלוסטע אים מערץ 1919.

---

שבת דעם 29 מערץ זייגער 2 באטאג איז א פאר־טראג פון חבר יוסף געמער טעמא „ער איטשער מאמענט און מיר".

---

א[illegible]בער און פעראנטווארטליכער רעדאקטער דר. זיגמונד [illegible] מארגוליעס טשארטקוב.

B613

נומר. 1. טשארטקוב, דעם 14 פעבער 1919 1. יאהרגאנג

דער אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פועלי ציון טשארטקוב.

פרייז 60 ה. גראטול. און פערל. אנצייגען 10 ק.

# די קראפט

(Die Kraft) ערשיינט יעדען פרייטיג (Ді Крафт)

## אונזערע צילען

די אלטע וועלט געהט צו גרונד. בעשטעהענדע בעגריפפען ווערטען ווי מאנארכיע, פרייע קאנקורענץ, פריוואט־אייגענטום דערציטערן אין זייערע יסודות. דאס העמפפענדע פראלעטאריאט איז נאהענט צו זיין פולשטענדיגען נצחון.

דאס פייער פון דער רעוואלוציע האט ארומגענומען גרויסרוסלאנד, האט זיך איבערגעווארפען אויף פוילען און אוקראינא, האט דערשטיקט דאס אלטע עסטרייך און ברענט היינט מיט א שטארקען פלאם אין דייטשלאנד און ווי גרויס ס'זאלען נישט זיין די אונטערשידען אין דער רעוואלוציא־נערער טאקטיק צווישען די פראלעטאריאטען פון די דער־מאנטע מדינות, אומעטום הערט זיך דערזעלבער רוף נאך עקאנאמישער גלייכהייט, רעכט צו ארבייט. דאס זענען די לאזונגען פון דער נייער פראלעטארישער קולטור.

ס'איז א נאטורוויסענשאפטליכער כלל, וועלכער גע־פינט אויך זיין אנווענדונג אויסער געביט פון סאציאלאגיע, אז העכער ענטוויקעלטע פארמען פונ'ם נאטור־און סאציא־לען לעבען זענען גובר די נידעריגער ענטוויקעלטע פארמען און די מוזען דעם פלאץ ריימען. די טרענצפעסטונגען פון פראנקרייך, איטאליען, ענגלאנד און אמעריקא וועלען נישט קענען אויסהאלטען דעם מארש פון דער פראלעטארישער אידעאלאגיע; די פונקען פון דער גרויסער שריפה און וועל־כער סיזשוט פארברענט דאס אלטע אייראפא פליהען ארי־בער אויך אהין, א נייע וועלטארדנונג ווערט געשאפען, אויפגעבויט אויף סאציאליסטישע יסודות און אלס מיטעל דער וועלטשלום.

א גרויס שטיק ארבייט איז נאך צו לייסטען פאראנגעלצן זיך די ארבייטער פון אלע פעלקער — די טרעגער פון דער רעוואלוציע — מיט דער פונקעלער מאכט פונ'ם היינטיגען קאפיטאליזם און און דעם קאמפף ברענגט אריין ארדנונג און פלאנמעסיגקייט די אינטערנאציאנאלע סאציאל־דעמא־קראטיע. מיליאנען פראלעטאריער קוקען צו איהר. האפען אויף איהר און פון מיליאנען הערצער קומט ארויס דער רוף: זאל לעבען די פעלקערבעפרייענדע אינטערנאציאנאלע רעוואלוציאנערע סאציאל־דעמאקראטיע.

קומענדיגע דורות וועלען בענטשען דעם קריג, וועלכער האט אזוי פיל עקזיס־טענצען צערשטערט. די ווילדע חיה האט אין איהר וואוט זיך אליין אויפגעפרעסען. די וועלט צערשטערענדע מלחמה האט אבער נאר די אלטע וועלט צו גרונד געריכטעט און מיט איהר דעם קאפיטאליזם, ווייל ער איז געווען שוין אלט, פויל און אבגעלעבט. דער קריג איז א אנהויב פון א נייער עפאכע פון דער מענשהייט.

אין דעם גרויסען קאמפף פאר גלייכע ווירטשאפט־ליכע רעכט און פאליטישער פרייהייט נעהמט די יודישע אר־בייטערקלאס האנד אין האנד מיט די פראלעטאריאטען פון אלע פעלקער. אינ'ם גייסט פון רעוואלוציע ערצויגען האלט דער יודישער פראלעטאריער פאר זיין חוב, צו זיין דער אוואנ־גארד פון יעדען פארטשריטליכען געדאנק. אין דעם זיג פון דעם סאציאליסטישען אידעאל איז ער בלוטיג פער־אינטערעסירט, האט ער דאך, שטייענדיג אויף די באריקאדען נאר נישט צו פערליערען, סידען זיינע קייטען.

אין נאציאנאלער הינזיכט אזוי גוט ווי אין סאציאלער בעציהונג האט דאס יודישע פראלעטאריאט אלס קאמפפס־פאראלע אויפגעשטעלט די פארדערונג נאך א נאציאנאל פאליטישער אויטאנאמיע, פערלאנגענדיג די אנערקענונג פון זיין יידישער שפראך אלס גלייכבערעכטיגטע לאנדעסשפראך.

אין ווירטשאפטליכער בעציהונג איז דאס יודישע פראלע־טאריאט געצוואונגען זיין עקאנאמישען מצב איבער צו בויען. זייענדיג בעשעפטיגט אין אבגעשטאנענע ריקשטענדיגע פראדוקציאנסצווייגען מוז דער יודישער ארבייטערקלאס שריט האלטען מיט דער פראדוקציאנס־ענטוויקלונג פון די פעלקער אין וועלכע ער וואוינט. אלס ריכטען פון דער יודישער נאציאנאל־פאליטישער אויטאנאמיע, ד. ה. מיט איינענע כוחות פונ'ם יודישען פאלק פון דורכגעפיהרט ווערען א אינ־טעגרירונג פון דער יודישער פראדוקציע. דער קלאס פונ'ם יודישען פאלק, וועלכער איז דער טרעגער פונ'ם פארטגאנג, פונ'ם סאציאליסטישען געדאנק מוז פארדערן, אז דער